1. ה–

(?נ?) ה ו ך – דער, =ן. "א שטילער ווארעמער אטעם" |קטוו|.

335 % גרינג ווי א הוך. זעט נאר די חלה – גרינג ווי א הויך" |קטוו|.

רעד: 1) ס׳איז ניט גאר זיכער צי מע דארף עס לייענען הוך; מסתמא געמיינט: הויך, פון הויכן (בלאזן שטיל)

2. ה-

(?נ?)　　ה ו כ ע ן　–　**אוטוו.** שטיל בלאזן, הויכן.

| |
|---|
| **רעד:** (זען באמערקונג צו הוך) |

ה ו כ ק ע  -  דער, =ס (זן), וואס פון הויכקען.

דזוו הויך !!.

1930 " איר גאנצער כעס געדויערט ניט צו מאל אזוי פיל,

1474 וויפל עס געדויערט דער הויכקע אויף א מעסערקלינג

פון ריינעם שטאל".

רויזענבלאט, 3, 75.

ה ו כ ש ט א פ ל ע ר - ----> הויכשטאפלער.

ה ו כ ק ע ן - <u>אוטוו</u>. בלאזן, וואַרעמען מיטן אטעם.

1888 " אונטער די נעגל זענען מיר פארגאנגען זאשפארעס,

342 איך בלאז און <u>הוכקע</u> מיט אלע כוחות אויף די פינגער,

איך זאל זיין א ביסל דערוואַרעמען".

פער 75, 209.

(?נ?)

ה ו ל[ם] - בנב.

1544 " נוך ווש אין דעם גיווילד איין בערג דער ווש אז

340/1 אינן הול. // בוך דוד אונ' דיא זיינן ווש דער בערג בול".

שמואל=בוך, סטר' 591.

1794 " דז די יולדת מיט איר קינד ניצול קן ווערין פאר

340/2 כישוף אונ רוחות רעות |...| נעם ניין ארלייא שפין

וועבס פון ניין מזוזות, אונ הול וואשריר שטיל שווייגנדיג|...|".

סנד.ה'.

(?ב?) ה ו ל א = ה ו ל א |ווייכע ל| – קולט=טאנץ אין האוואי.

1963 " |...| ער זאל עפעס זאגן וועגן דעם הולא=טאנץ, וואס ער האט געטאנצט מיט אן אקריסע בעת זיין באזוך אין האוואי".

פער 69, VI /22.

(?נ?) ה ו ל ב י ש ט ש ע - די, =ס. דזוו הוליאנקע.

1..אן ארט ווי מע הוליעט, מע פארברענגט.

% פון דער הולבישטשע האבן זיך געטראגן שיכורע קולות".

1883 " מענטשן, וואס זייער גאנץ שטרעבן און לעבן באשטייט

350 נאר און א פרעס, א זויף, א הולבישטשע, א תאווה און א

קערמעשל".

לינעצקי, 6, נ׳ 6, ז׳ 4.

ה ו ל ד י ג ן - <u>טרוו.</u> (<u>עלט</u>) פארערן, אפגעבן כבוד.

1867 " די שימחה צו וויסן, אז נאענט פון אונדז האלט זיך

אויף |...| דער פון גאט געוויילטער פירשט, וואס די 349/1

גאנצע וועלט <u>הולדיגט</u> אים".

<u>פער 177, נ׳ 36, ז׳ 280.</u>

ה ו ל ט א י - ----> הולטיי.

ה ו ל ט א י ס ט ו ע - ----> **הולטייסטווע.**

ה ו ל ט א י ע ו ו ע ן - ------> הולטייעווען.

ה ו ל ט א י ע ן - ----> הולטייען.

ה ו ל ט א י ס ק ע - ------> הולטייסקע.

ה ו ל ט א י ק ע - -----> הולטייקע.

ה ו ל ט א י ש ק יי ט - ----> הולטיישקייט.

ה ו ל ט א נ י נ י ק - ----> הולטיינ יק.

ה ו ל ט יי |ווייכער ל|. - דער, =ס. פא הולטאי.

1. א ווילער יונג, א הפקר=מענטש, איינער וואס פירט זיך אויף ניט אנשטענדיק, אויך וועגן א פויליאק, א ליידיקגייער. איינער וואס האט ליב צו לעבן א גוטן טאג.

% ער איז א הולטיי שיכורט און שפילט אלע נאכט אין קארטן דער הולטיי טוט ניט קיין האנט אין קאלט וואסער.

1819 " מען האט אים שוין כמה פעמים דערטאפט מיט גלאטי נפקות |...| און וועט אודאי בלייבן ווייל ער וועט לעבן א גלאטער הולטייא". 364/1

י. פערל, 1, 189.

1884 "|...| האט באוויזן מיט ראיות ברורות, אז געבן אזא הולטאי א נדבה איז די גרעסטע עבירה". 364

שלום=עליכם, 22, 33.

1908 "דאס איז אלעס שוין געווען,// ניטא א ן דעם קיין ביזקס

נייעס, - // די אלטע וועלט האט שוין געזען // פיל 357

גרעסערע הולטאיעס".

ראזענפעלד, 2, 75.

1927 " |...| א הולטיי אן אלטער , וואס מוז שוין די קני//

מיט אלקאהאל רייבן ביי נאכט, אין דער פרי". 382

מ.ל. האלפערן, 2, 160.

1945 " די אומגעדולד פון א געבוירענעם הולטיי, וואס קען

ניט און וועט זיך קיין מאל ניט באהערשן". 388

שניאור, 9, 151.

2. אויסדרוק פון פרומע יידן וועגן אן אפיקורס, איינער

וואס היט ניט אפ די יידישע מצוות.

1900 " אין א קורצער צייט האט ער שוין א פארטיקן אפיקורס,

א הולטיי". 396

אלפס, 1, ז' XI.

1910 " שלעכט, ברידער, וואס זאל איך דא ברענגען ראיות,// -

385 דורכויס אפיקורסים און פשוט הולטאיעס,// גאר אויסגעטאן

ממש, געמאכט א מחק /7 פון אסור און מותר, בכלל

פון תרי"ג".

<u>פרוג, 2, 301.</u>

406 ה ו ל ט י̲י̲ ט ש י ס ק ע - דער, =ס. דזוו הולטיי (עמפאטיש).

ה ו ל ט י י: ש | ווייכער ל | – אדי/אדוו, פא הולטאיש.

ווי (פון) א הולטיי, אויפן שטייגער פון א הולטיי.

% הולטיישע גענג. ער פירט א הולטייִש לעבן.

ה ו ל ט י י ש ק י י ט - די, בא.

1. אייגנשאפט צו זיין הולטייש.

2. צעלאזנקייט, פארדארבנקייט, שלעכטס.

1867 " ווי באלד איינער טוט אן עוולה, א הולטיישקייט,

352 אבי מען איז מודיע דעם רעדאקטאר דעם עיקר אמת |...|

דרוקט ער דאס |...|".

פער 177, נ' 47, ז' 352.

(?נ?) ה ו ל ט יי י ש ק ע - די, =ס. דזוו הולטיי.

1898 " ווי אזוי זאלן זיך נישט לעשן די נשמה=ליכט,

405 אז אזא הולטייישקע, דניאלקע |...| טונקט ביי נאכט

סוכארעס אינעם נר=תמיד און פרעסט, ביז דער שמש האט

אים געכאפט".

לינעצקי, 10, 31.

ה ו ל ט יי נ י ק - דער, =ס. דזוו הולטיי.

1961 " דזשוליוס איז געווען פויל, |...| א פוסטעפאסניק, 408

דערצו - א הולטייניק".

ל. טרייסטער, פער 69, ‏!/8.

ה ו ל ט יי ס ט ו ו ע - די, בא. צעלאזענקייט, פארדארבנקייט,

הפקרות, אויסברענגעריי.

1814 " דער וועג פון הולטייאסטווע איז וויא א טיפע

412 פינצטערניש |...|".

איב לעפין, משלי, 3 - 19.

1910 " עס איז אויפגעקומען פרעסעריי, פוסט=און=פאסעווען

411 און הולטייסטווע אויף א יך זייט און נויט און איבערארבעט

אויף דער אנדערער |...|".

1936 " |...| האט מרדכי פארבראכט אין רעליגיעזע זאכן

415 און המן איז געלעגן אין הולטייסטווע |...|".

איבז אנ, מחזור 5, 198.

1944 " |...| אפצוגעווינען א ווייב פון הולטאיסטווע".

416 שניאר, 8, 173.

ה ו ל ט יי ס ק ע |ווייכער ל| - אדי/אדוו. ווי (פון)

א הולטיי, אויפן, שטייגער פון א הולטיי.

% ער פירט א הולטייסקע לעבן. הולטייסקע לידלעך.

1814 " זייא בייסן אן הולטייאיסקע ברויט און טרונקן

גאולה ווייך דער צו". 422

איבז לעפין, משלי, 3- 17.

1924 " דו זעסט דאך אויס ווי א הולטייסקע בונט//

פון טויזנט אפגעליבטע דייטשן מיט א מאל! 419

מ.ל. האלפערן, 1, 280.

1959 " |...| לאכן פערדיש און הולטייסקע".

שניאור, 4, 179. 424

ה ו ל ט י י ע ו ו ע ן |וויייכער ל| - אוטוו,

פאר געהולטייעוועט, פא הולטאיעווען.

פירן זיך ווי א הולטיי, זיין א הולטיי.

% די ווילע יונגען גייען ארום ליידיק, שיכורן און הולטייעווע|,

1948 " אויף די ארא נזשירטע בעלער האט ׳ פאניע׳ געשיכורט

און געהולטייעוועט גאנצע נעכט". 430

ה. יאבלאנקאוו, פער 44, נ׳ 11, ז׳ 31.

ה ו ל ט ײ ע ן | װײַער ל | - אוטװו. פאר געהולטײַעט.

דזװ הולטײַעװען

1891 " ער שטארבט דורך די קינדערס זינד. זײ זענען נישט
פרום, הולטאיען".
פרץ, 17, 66.

1934 " מילא, אויב דיר איז ניחא, אז ער זאל זיצן גאנצע
יארן ביים רבין און הולטײַען, איז מיר רעכט. 371
אש, 13.

ה ו ל ט יי ע ר יי - די, בא |מארק ווב 371|.

דזוו הולטייסטווע.

ה ו ל ט י י ק ע |וייבער ל|. די, =ס. פא הולטאיקע.

וועפאר הולטיי.

1885 " אזא הולטייקע! אזא ימח=שמוניצע! זאל האבן אזא

חוצפה! - האבן אלע ווייבער מיט איין מאל אויסגעשריגן". 435

נוסבאום, 1, 28.

1892 " אט אזוי ענטפערט מען דאס אשוויגער? |...| ווערסט

נאך שילטן, ארצע=עזותניצע, הולטייקע!". 438

בלאשטיין, 3, 25.

(?נ?) ה ו ל ט ע ו ע ן |ווייכער ל| - אוטוו. דזוו הולטייעוועז.
|סטוטש 597|.

רעד: כ׳בין שטארק מסופיק, צי מ׳האט טאקע געניצט אזא פארמע.

(?נ?) ה ו ל י א נ י ע – די, =ס. (רוס, נא) פארוויילונג;
הוליאנקע.

... " פלעגט דארטן מאכן בעלער, רעשורסן |?| און הוליאניעס".
דיק.

| |
|---|
| רעד: פון וואנען די ציטאטע? |

ה ו ל י אַ נ ע - ------< הוליאנקע.

ה ו ל י <u>א</u> נ ק ע - <u>די, =ס.</u> טומלדיקע פארווײַלונג טײל מאל פארבונדן מיט שיכורן און צעלאזנקייט.

%ווילדע <u>הוליאנקע</u>. ווילדע יונגען פארברענגען די נעכט אין <u>הוליאנקעס</u>.

|1926 - 1931| " |...| זיך געחידושט, וואס שרהקע ווייסט גאר נישט וועגן סטודענטישע <u>'הוליאנקעס'</u>, וואס פאר א פריילעכע באנדע דאס איז". 452

<u>אפאטאשו, 8, 93</u>.

1936 " זיי האבן געבראכט מיידן, <u>הוליאנקעס</u> געמאכט".

<u>זינגער, 6, 556 |?554|</u>. 450

1974 " יובל האט זיך געלאזט צורעדן צו גיין מיט די אמעריקאנער און מיטמאכן זייערע <u>הוליאנקעס</u>". 456

<u>עלבערג, 2, 327</u>.

(?נ?) ה ו ל י א נ ק ע ו ע ן - אטוו. (שנש) פארברענגען

אויף הוליאנקעס, מאכן הוליאנקעס.

1966 "מיר לייענען, ווי די |...| יוגנט האט זיך

462 אוועקגעלאזט הוליאנקעווען".

א. אויערבאך, פער 69, 13/X.

ה ו ל י א נ ק ע - <u>דער, =ס.</u> <u>פּפ̄</u> (<u>עלט</u>) <u>הוליאק.</u>

1. גוטמוטיק וועגן א מענטשן וואס האט ליב צו פארברענגען, נעמען א טרונק, פריילעך צו זיין און צו מאכן פריילעך אנדערע.

% ער איז א פריילעכער קבצן, א <u>הוליאקע.</u>

... " זיין |דעם רבינס| מקורב, א חסיד פון נעמיראוו,

348 א <u>הוליאק</u>".

<u>אקסענפעלד, 3, 241.</u>

1932 " יידן <u>הוליאקעס</u>, וואס זיינען גרויסע בריות אויף

467 פריילעך מאכן אויף חתונות".

<u>זינגער, 5א, 173.</u>

1944 " |...| געווען א ווילדער חסידישער <u>הוליאקע</u>".

472 <u>טרונק, 3, 29.</u>

2. א הולטיי, א שיכור, א הפקר=מענטש.

1866 " מעג שוין ניט משיח קומען, צי פאר כולו חייב
אדער כולו זכאי, |...| דאס זאלן שוין די הולאקעס
אליין זאגן".
פער 177, נ׳ 6, ז׳ 89.

1910 " |...| געוועז פון יענעם מין // אלט=פוילישע הוליאנקעס",
471 פרוג, 2, 261.

1938 " |...| ער איז נאך געוועז א רייך זונדל און א
470 היפשער הוליאקע דערצו".
זינגער, 7, 148.

17 שור:

וואס מער קבצן מער הוליאקע, וואס מער נגיד, מער סאבאקע.

ה ו ל י א ק - -----> **הוליאקע.**

ה ו ל י א ק י ש - אדי. ווי (פון) א הוליאקע.

1944 " |...| איך פראקטישע זאכן פרעגט מען נישט קיין עצה

480 ביי אזא אומבאהאלפענעם הוליאקישן בטלן |...|".

טרונק, 3, 31.

הוליאַשטשינע - די, =ס. 1. (פעיא)

1. (פעיא) דזוו הוליאנקע.

1956 " |...| געפּראוועט א שפּאציר איבער אוקראינע האט

483 פאן=שפּיק, הוליאשטשינעס געפּראוועט איבער אירע שטיעל הויפן".

מארקיש, 10, 241.

2. שימחה, פארוויילונג נאך דער חתונה (לויט געוויסע מקורים אויפן צווייטן טאג נאך דער חופה, לויט אנדערע שבעת ימי המשתה).

1948 " עפעס ענלעכס צו א רומפל האט ביי אונדז אין פאדאליע

485 געהייסן א הוליאשטשענע. דאס איז געווען נאך די שבעת ימי המשתה. אבער אט די הוליאשטשענעס פלעגט מען מאכן אפשר מיט א הונדערט יאר צוריק".

פ. פרימער, פער 90, נ'!!!V - 3 - 4.

..................................................................

רעד: איך האב נאך געהערט דאס ווארט און דען מינהג ביי אונדז |לויצק| אין מיין יוגנט אויך ש.פ.

ה ו ל י ט ש י כ ע - די, =ס. פּפ (דיאל) הוליצירע.

די פרוי וואס פארקויפט הוליקעס.

1889 " הוליקעס זיינען רעטשענע טייגלעך |...| די פרוי,

532 וואס פארקויפט זיי הייסט הוליציכע".

פער 115, נ׳ 1.

(?נ?) | האלן| הולין - <u>טרוו.</u> צוריקרופן, צוריקברענגען, ם
אפנעמען, ארויסנעמען.

1679 "|...| זוא וויל איך דר נאך שיקן, אונ׳ דיך פון
486/1 דאניך <u>הולין</u> לאזן, ווארום זולט איך אייארביידן בירויבט
ווערדן אין אינם טאג".
<u>בליץ, בראשית. כז - מה |תי: אפנעמען|.</u>

1764 " הורדוס דר טעט די שאר פון די עהודים פר די שאר פון
570 די ערביים דאמיט דז זי ניט זאלן קענן גין אויש איר שאר
אום וואשר צו <u>הולן</u>".
<u>יוסיפון, 5, דף ע"ח.</u>

ה ו ל י ע - די, =ס. (עלט?) " א קורצער מאנטעלע אן ארבל".

|קטור|.

ה ו ל י ע ד ר א ל נ י ק  –  דער, =עס. (פטמ) הוליאקע,ב׳2.

1960  " |...| דעמאלט בין איך געווען א פראסטער יונגאטש,

50  א דארפישער הפקרדיקער הוליעדראלניק".

טיגער, 1.

(?נ?) ה ו ל י ע ו ע ן - אוטוו. דזוו הוליען, ב' 1.

1923 " קליינע יינגלעך |...| הוליעווען און שפּילן זיך".

493 א.צ. גרינבערג, 2, 73.

2. דזוו הוליען, ב' 2.

1939 " ניט אין פריידן איז עס דורך, ניט אין וווילטאָג,//

489 און די יוגנט דיינע - ניט אין הוליעווען".

מארקיש, פער 42, 46.

1945 "זיי זיינען אוועק הוליען=הוליעווען |...|// אויף

492 הוליאנקעס נאקעטע, הולטאישע".

לייוויק, 8, 173.

(?נ?) ה ו ל י ע מ א נ י ע ן - אוטוו. (שנש) דזוו הוליען.

1959 " געקעפט? וועמעס קאפ? קיינעמס דאגה,// א נוליקער

494 גען הוליעמאניעט |...|".

ליוויק, 12, 124.

ה ו ל י ע ן - אוטוו. פאר געהוליעט.

1. פריילעך פארברענגען, (זינגען, טאנצן, אד"גל). אויף א שימחה, פארוויילונג.

% יידן הוליען שמחת=תורה. אויף דער התונה האט מען געהוליעט ביזן ווייסן טאג אריין.

1866 " ערשט נאך דעם שלאף פלעגט מען זיך צוזאמענגעמען, א ביסל הוליען און זינגען 'אגיל ואשמח', שישו ושמחה' וכדומה", 513
פער 177, ג' 6, ז' 87.

1910 " מזל=טוב אייך, ליבע ברידער!// הוליעט יידן אן א שיער!", 
507 פרוג, 2, 169.

1929 " א גאנצע נאכט האט מען געהוליעט, חברה האבן געזונגען און געטאנצט, די שימחה איז געווען אין לשער".
502
בערגמאן, 2, 16.

1965 " אין הארבסט |...| וועלן מיר הוליען אויף זייער
525 חתונה".

נאטט לוריע, 5, 14.

2. (פעיא) פארברענגען צעלאזן, הפקרדיק, שיכורן.

% די ווילע יונגען הוליען דארט אין שענק.

1898 " |...| זיי האבן זיך אנגעפרעסן, ווי די יוונים,
501 |...| אויסגעשלאפן |...| אט הוליען זיי".

ליטוואק, 1, 3.

1927 " |...| ער האט געמוזט הוליען מיט די אינטענדאנט=
500 אפיצירן, קומען אין רעסטאראנען |...| ".

זינגער, 4, 41.

3. (פיג) ווילדעווען, בושעווען, שטורעמען, צעלאזן זיך
הפקרדיק.

|1907 - 1891| " הוליעט, הוליעט, בייזע ווינטן,// פריי
524 באהערשט די וועלט!".
רייזען, 11, 85.

1930 " אוונט=פינצטערניש געצונדן אין דעם שייטער,//
512 צוגעהערט ווי פייער האט אין בלוט געהוליעט".
שומיאטשער, 2.

1948 " שוין הפקר הוליעט און עס בושעוועט דער טויט |...|".
509 מארקיש, 9, 24.

1970 " די רוצחים האבן נאך געהוליעט אין אלע וווינונגען
517 און אויסדעמארדעט וועמען זיי האבן נאר אנגעטראפן".
יזב 15, 847.

4. (וועגן פעלדער) לאזן ניט באארבעט.
% דאס פעלד דארף מען לאזן הוליען א יאר=צוויי.

הוליען אויף די דראשעס - באטייט זען ציטאטע.

1963 " וואס הייסט עס הוליען אויף די דראשעס? - האט

געפרעגט דער געלער, - גיין איבער די הייזער, אזוי 505

זאגט מען ביי אונדז אין שטעטל".

באשעוויס, 4, 181.

שרר:

אז מע הוליעט צו פיל אין דער יוגנט, בעטלט מען אויף דער עלטער,

הוליע קבצן, צרות קאסטן קיין געלט ניט! (וואריאנט וווּלגאר:

הוליע קבצן, דרעק איז וואלוול!)

ה ו ל י ע = פ ר <u>א</u> נ צ ל - <u>דער, =ען.</u> (<u>פסמ, שלש</u>)

503 " וועגן א הולטיי, פוסטע כלי, פראנט וואס הוליעט, בעבייונג".

|<u>קטוו, צויזמער</u>|.

ה ו ל י צ י כ ע - ----> הוליטשיכע.

ה ו ל י ק - <u>דער, =עס.</u>(<u>ס׳רוב מצ</u>) "רעטשענע טייגלעך".

1889 " <u>הוליקעס</u> זיינען רעטשענע טייגלעך, דאס ליבסטע

532 מאכל ביי דער ארעמער קלאס אין ליטע".

<u>פער 115, נ׳ 1.</u>

<u>רעד:</u> מיגלעך אז מע מיינט אולניק, ב"ב 3,2.

ה ו ל ך |הוילעך| ∓ – דער, בא.

1. אנטועכץ, קליידונג, הלבשה.

% אלטפרענקישער הולך. קבצנישער הולך. אפגעלאזענער הולך.

א חרפה צו גיין אין אזא הולך – אפגעריסן, קויטיק.

1895 " איך האב דאך שוין צו ניין יאר געטראגן דעם הולך

536 פון א 70=יאריקן חסיד |...|".

לינעצקי, 9, 106.

1900 " |...| יעדער האט, ניט געקוקט אויף זיין טראנטעוואטן

545 הולך, געקענט זאגן אז דא גייט דער בעל=הבית פון שטאט".

גארין, 4, 17.

|1926 – 1931| "|ער האט | זיך א ביסל אפגעריקט, באטראכט

535 וואלפס היימישן הולך".

אפאטאשו, 14, 72.

1974 " פריער פלעגט ער זיך אנטאן עלעגאנט, און איצט,

543 און איצט, אין קיבוץ, גייט ער ארום אין א הולך, אז

ס׳איז א שרעק".

עלבערג, 2, 324.

2. אויסזען, מינע, פאזע פון א מענטשן, אופן פון פירן זיך.

1868 " איך האב דא א ביסל אויסגעשטרפט מיין שיינדלען

542 פאר איר הולך".

פער 177, נ׳ 11, ז׳ 84.

1940 " ער |גאלדפאדען| פלעגט אויסלערנען דעם אקטיארס

541 הולך, זיין גאנג, זיינע פאסטעמקעס, זיין כאראקטער, און

די ראל פלעגט שוין זיין ווי באשאפן |...| פאר אים".

דרוקער, 1, 139.

1967 " |...| מ׳שטיינסגעזאגט א הולך: שווארץ ווי

539 ערב=פסחדיקע בלאטעס,// אפגעחומרט, קוואר".

אהרן צייטלין, 7, 242.

ה ו ל ך |הוילעך| !! - דער, מצ הולכי |הוילכיי|. (לל).
דער וואס גייט, א גייער.

1958 " א מענטש טאר ניט בלייבן אין דער בחינה פון אן
538 עומד, |...| ער דארף אלץ גיין פארויס, ער מוז זיין
א הולך,א׳גייער׳".
א. גאלאמב, פער 38, נ׳ 31, ז׳ 68.

// הולך על ארבע | הוילעך אל ארבא| - (לל) א פירפיסיקער
בעל=חי. (איינפ וועגן מייז).

1870 " עס האבן זיך געהאט ארייגנעכאפט אים דעם ארון=קודש
559 פון די הולכי על ארבע און האבן צעגעסן א פאר ספרי=תורות".
פער 177, נ׳ 21, ז׳ 157.

הולך בדרך |הוילעך באדערעך| (זיין) - (לל) געפינען זיך
אין וועג (גיין, פארן).

1864 " ווער הולך בדרך איז אונטערוועגנס ערב שבת ברויך

נזהה צו זיין צו קומען אין דעם איינקערהויז נאך ווען 546

גרויסער טאג איז".

ברודא, 1, דף ל"ו.

ה ו ל ך ב ט ל |הוילעך באטל| - (לל) ליידיקגייער,

דער וואס טוט גארניט.

ה ו ל כ ן |הוילעכן| - אוטוו. (אייפעם) גיין, אוועקגייין (געניצט אדער איראניש אדער אויב מע וויל אז קיין זייטיקער ‡אל ניט פארשטיין דאס יידישע ווארט "גייין").

1915 " די גאנצע שטאט, זאגט ער, וועט פאר אים גייין שווערן!
563 |...| הערט מען |...| אים אין טראק און מע הייסט אים הולכן מיטן עטאפ":
שלום=עליכם, 12, 194.

1957 " אט איצט איז די צייט צו הולכן - טראכט סקיף
565 און נעמט דעם דרך".
רויזענבלאט, 8, 73.

ה ו ל ך  ר כ י ל |הוילעך ראכיל| - (ל׳ל) רכילותניק,

רכילות=טרייבער, פליאטקע=מאכער.

1832 " |...| וואס זאל שוין היינט טאן דער וואס איז

איין הולך רכיל און מאכט קריג צווישן לייט". 555

מחזור 2, דף ע"ד.

1898 " ער האט נישט געקאנט צוזען |...| זייערע מעשים

רעים, |...| פאלשע מסחרים |...| הולכי רכיל, חונפים, 553

|...| מלשינים |...|".

יהודה=ליב מארגענשטערן, 2, 59.

|| הולך=רכילניק |הוילעך=ראכלניק| - דער, =עס. דזוו דפוו.

1885 " צווישן זיי געפינען זיך שענקארעס, קרעמערס

|...| ליידיק=גייערס, הולכי=רכילניקעס |...|".

פער 74, נ׳ 43, ז׳ 656.

ה ו ל ל ו ת |הוילעלעס| - דאס, בא. (לל) הוליאנקע, ב׳ 1.

צעלאזנקייט, צעווילדעוועטקייט אין פארברענגען.

1843 " |...| יעך גיי מער נאך נענטער ציא הער עק ווידער

569 בע גע זע // עפעס אזעליכע הוללת עפעס אזא פאסקיצטווע |...|"

פישלזאהן, 1, 40.

1895 " בפרט זאל מען נזהר זיין |אום פורים| עס זאל ניט

568 זיין אויסגעמישט מאנצבילן מיט ווייבער, הוללות און

ליצנות איז א גרויסער איסור".

אנ, ס׳ מקור הברכה, 1, דף צ"א.

1957 ׳ס׳איז פאראן |...| די מידה רעה פון ליצנות,

566 א גלייכווערטל זאגן, שימחה פון הוללות".

איבז אנ, ליקוטי דיבורים, דף קי"א.

ה ו ל נ י ק - דער, =ס. דזוו אולניק, ב"ב 2, 3.

1952 " אין בריסק האבן רעטשענע הולניקעס פארנומען דאס ארט

571/1 פון א 'לייכטן עס'".

ווייסמאן, 1.

ה ו ל פ א ק - דער, =עס.

1. (שלש) אפגעריסענער, האלעדראנעץ |סטוטש 523|.

2. "הולטיי, הפקר=יונג" |קטור|. "מאלט איך, אז די ...אויסגעלאזטע פאניטשעס, די הולפאקעס, וועלן נאך ירשענען צוויי מיליאן פארמעגן פון די פאטערס". |קטור|. 574

---

רעד: דעם צווייטן באטייט גיב איך לויט דעם קאנטעקסט פון דעם אינפארמאנטס ביישפיל. איך האב דאס ווארט בכלל ניט געהערט. ס'קלינגט סלאוויש, אבער ניט געפינען איך ווערטערביכער.

---

ה ו ל ק ע | ווייכער ל | ז - די, =ס. 1. דזוו הוליאנקע, ב׳ 1.

1899 " חסידים אבער זענען גאר עפעס אנדערש: א סעודהלע,

527 א 'קידוש' אדער אזוי א הולקע איז ביי זיי ניט קיין

גרויסע מציאה, דאס איז ברוך השם |...| פאראן גאנץ אפט".

וויערניקאווסקי, 1, 5.

1943 " ער איז געווען |...| א געטרייער פלאשברודער,

527/1 וואס ווי א הולקע אין א וואסער=ניט=איז געזעלשאפט,

איז ער דא".

נסתר, 5, 255.

2. דזוו הוליאנקע, ב׳ 2.

1931 " |...| דרייען זיך און פלאנטען זיך אין פייערדיקער

528 שפולקע,// פראווען זיי א בלוטיקע, א שמחדיקע הולקע".

פיינבערג, 2, 43.

ה ו ל ק ע II - די. =ס. "מין הובעל |קטוו|.

רעד: דאס קארטל פאררופט זיך אויף "טערמ' 21" -

וואס איז דאס פאר א טערמינאלאגיע?

ה ו מ א ן - אדי/אדוו. מענטשלעך, עטיש, מאראליש.

1865 " |...| אז די רעגירונג זאל זיין הומאן, וואלט |זי|
פארהיט, עס זאל צו קיין ראזבאי ניט קומען". 575
פער 177, נ׳ 45, ז׳ 312.

1919 " מיר קאנען ניט ווארטן, ביז וואנען די הומאנע
געדאנקען און געפילן וועלן פון די ניט=יידישע הערצער 578
פארטרייבן דעם האס צו אונדז |...|".
זשיטלאווסקי, 9, 167.

1951 " |...| האט 3 נאציאנאלע פרייהייט דערהויבן דעם
גייסט פון קליינעם פאלק און אים געמאכט הומאנער, 582
ברייטהארציקער, טאלעראנטער צו די אייגענע נאציאנאלע
מינדערהייטן".
י. לעשטשינסקי, פער 106, 827.

ה-

ה ו מ א נ י ז א צ י ע - די, בא. אקט פון הומאניזירן.

ה ו מ א נ י ז י ר ן - טרוו. מאכן (מער) מענטשלעך, מאראליש, עטיש.

1962 " 'הומאניזירן' דעם ייד האט לויט הערדערן באטייט: צעשטערן אים ווי א ייד |...|". 585

ה. קאלען, פער 94, נ' XVI, ז' 20.

ה ו מ א נ י ז ם - דער, בא.

1. קולטור=געזעלשאפטלעכע שטרעמונג פון דער רענעסאנס=
תקופה, וואס האט, אנבינדנדיק צוריק צו דער גריכיש=
רוימישער קולטור, געפּרעדיקט די אידעען פון פרייער
אנטוויקלונג פון מענטשן, קעגנשטעלנדיק זיך דעם
מיטלעלטערלעכן דאגמאטיזם.

2. רעספּעקט פאר דעם מענטשן, זארג פאר דער פרייער אנטוויקונג
פון דער מענטשלעכער פערזענלעכקייט, זארגן די נויטן
און פרייהייט פון מענטשן.

1912 " ס'איז נייטיק צו דערקלערן, פאר וואס די |...|
אמתע פארווירקלעכונג אין לעבן פון הומאניזם, פון 587
מענטשלעכע אידעאלן |...| קאן מען ניט דערווארטן פון
פארטייען, |...| וואס ציטערן אנצוגרייטן |...| דעם
קאפּיטאליזם".

שיטלאווסקי, 2, 244.

## ה ו מ א נ י ט א ר - אדי/אדוו.

1. מענטשנפריינדלעך, וואס איז לטובת דעם מענטשן:מענטשלעך.

% הומאניטארע ארגאניזאציעס.

1970 " |...| מענטשן, וואס האבן געפילט אן אינערלעכן

593 דראנג צו העלפן נויט=באדערפטיקע, ווער צוליב רעליגיעזע

און ווער צוליב הומאניטארע טעמים".

פ. לייב, יזב 7, 125.

2. דזוו הומאניסטיש.

% הומאניטארע וויסנשאפטן.

1951 " אויף דעם הומאניטארן פאקולטעט זיינען געווען

591 וויינעקער יידן |...|".

י. לעשטשינסקי, פער 106, 921.

ה ו מ <u>א</u> נ י ט <u>א</u> ר י ז ם - <u>דער, בא.</u> מענטשן=פריינדלעכקייט,

מענטשן=גינציקייט; מענטשלעכקייט.

1947 " איבער די פּרינציפּן פון מענטשלעכקייט און **הומאַניטאַריזם**

596 האָבן וועלכע ס'איז באַדייטונג, מוזן אַזעלכע מערדער

|...| קריגן די שטראָף".

<u>יזב 8, 247.</u>

ה ו מ א נ י ט א ר י ע ר - דער, =ס. דער וואס איז (?נ?)

מענטשנפריינדלעך, וואס העלפט מענטשן, בעל=צדקה.

ה ו מ א נ י ט א ר י ש – אדי/אדוו. דזוו הומאניטאר, ב׳1.

1954 " קיין שום הומאניטארישער פונק איז אין זייער טאט ניט געווען |...|". 598

ש. וואסערמאַן, יזב 10, 94.

ה ו מ א נ י ט א ר י ש ק י י ט - די, בא.

אייגנשאפט צו זיין הומאניטאר(יש).

1947 " |...| זיך שלאגן על=חטא פאר אט דער פאלשער

599 הומאניטארישקייט".

מ. ווייגרייך, 5.

ה ו מ א נ י ט ע ט - די, בא.

1. מענטשנפריינדלעכקייט; מענטשלעכקייט.

1874 " דיזע |=אט די| שלימע לאגע מיינע פירט מיך אצונד

602 אהער אלס איינע אפעלירנדע אן די הומאניטעט (מענטשלעכקייט)

פון אייערע עלטערן".

דיק, 72.

1947 " קיין שום קהילה אין פוילן |...| האט נישט אזא

601 לעבעדיקע נייגונג פאר הומאניטעט |...|".

יזב 8, 19.

2. (זן) די מענטשהייט.

הומאַניסט - דער, =ן.

1. פאַרשטייער פון הומאַניזם, ב׳ 1.

2. אנהענגער פון הומאַניזם, ב׳ 2.

1959 " לערמאָנטאָוו איז פאַר קראַפּאָטקינען פריער פון אַלץ
605 אַ הומאַניסט - אַ טיף הומאַניטאַרער דיכטער".
ניגער, 9, 211.

1973 " |...| דערמיט אונטערשיידט זיך דער הומאַניסט
605 פון פשוטן פּראָפעסיאָנעלן אָפּשרייבער, וואָס נעמט געלט
פאַר זיין אַרבעט |...|".
בלומענטאַל, 1, 173.

3. ספּעציאַליסט אין הומאַניסטישע וויסנשאַפטן (געשיכטע,
פילאָזאָפיע אאַ״וו).

ה ו מ א נ י ס ט י ש - אדי/אדוו.

1. שייכדיק צו הומאניזם, ב׳1.

% די הומאניסטישע אידעען פון עראזם פון ראטערדאם.

1962 " דער אידעאל פון דער אויפקלערונג |האט| געשאפן א

607 א הומאניסטישע פארשט ענדיעניש און אפשאצונג פון יידנטום".

ה. קאלען, פער 94, נ׳ XII, ז׳ 33.

2. שייכדיק צו הומאניזם, ב׳ 2.

1959 " ס. ווענגעראוו האט זיך איינגעשטעלט פאר די

610 הומאניסטישע סאציאל=עטישע טראדיציעס פון דער רוסישער

קריטיק".

ניגער, 9, 313.

3. שייכדיק צו די וויסנשאפטן וועגן גייסטיקן און געזעלשאפטלעכן לעבן פון מענטשן (ווי פילאלאגיע, געשיכטע, פילאזאפיע, סאציאלאגיע אד"גל).

% **הומאניסטישע** וויסנשאפטן.

1970 " אנגעקומען קיין ווארשע האט רינגעלבלום |...| זיך פארשריבן אויפן הומאניסטישן פאקולטעט". 608

יזב 15, 648.

ה ו מ <u>א</u> נ י ש - <u>אדי/אדוו.</u> דזוו הומאן (יטאר); מענטשלעך.

ה ו מ א ר - דער, בא.

1. גוטמוטיק=שפאסנדיקע באציונג צו עמעצן/עפעס, די פעיקייט צו באמערקן און פארצוזטעלן די קאמישע זייטן פון מענטשן, געשעענישן.

% באשרייבן מיט הומאר. מילדער הומאר, בייסיקער הומאר. האבן א חוש פון /פאר הומאר.

1940 "די יידישע לעגענדע דערציילט מיט אן אייגנארטיקן הומאר, ווי דער יונגער אברם איז א מאל געבליבן אליין אין דעם געשעפט פון זיין פאטער". 615

קאראלניק, 2, 20.

1946 "ביי שלום=עליכמען - דער הומאר, אויסגעלייטערט און פארטיפט; די געמיטלעכקייט און אומגעצווונגענקייט פון טאן, אין וועלכן ער דערציילט זיינע מעשיות". 615/1

ניגער, 5, 74.

1967 " דא קומט אריין אומעטום אן אפשיין פון דעם זיידנס

620 |מענדעלעס |<u>הומאר</u> |...|".

<u>י. מארק, פער 90, נ' XXVII - 2.</u>

2. שטימונג, געמיט, פסיכישער מצב.

% ער איז אין א גוטן <u>הומאר</u>. לאז זי צו רו, זי איז
היינט אין א שלעכטן <u>הומאר</u>.

(?נ?) 3. (עלט, זן ) ארגאנישע פליסיקייט.

ה ו מ א ר א ל - אדי. (מעד) שייכדיק צו הומאר אין באטייט פון ארגאנישער פליסיקייט.

1930 " אונטער דער |...| השפעה פון דעם געניאלן רודאלף ווירכאוו איז די הומאראליע שיטה פון קאקיטאנסקין 639
פארטריבן געווארן פון דער פאטאלאגישער פארשונג".
פער 70, נ׳ 3 - 4.

ה–

83

ה ו מ א ר י ז י ר ן – אוטוו. רעדן אדער שרייבן וועגן עמעצן/עפעס אין טאן פון הומאר, שפאסנדיק, אפלאכנדיק.

1919 " העדא הומאריזירט וועגן איר געזונקענעם געליבטן".

נאדיר, 1, 113.

ה ו מ א ר י ס ט – דער, =ן. דער וואס שרייבט אדער (זן) רעדט מיט הומאר. שלום=עליכם דער הומאריסט.

1916 "|...| איז אליין אויך געווען א הומאריסט,
627 |...| האט שטילערהייט |...| געשריבן א סך הומאריסטישע זאכן".

שלום=עליכם, 38, 153.

1949 " א הומאריסט האט |...| אויסגעלאַזט די צארישע
648 פאמיליע און געמאכט זי אויסצודרייען".

מוקדוני, 3, 288.

ה ו מ א ר י ס ט י ק - די, בא. הומאריסטישע ליטעראטור.

(?נ?) ה ו מ א ר י ס ט י ק ע ר - דער, =ס/ מצ דז. (שנש, איר)

הומאריסט.

1939 " ער הומאריסטעוועט |...| ווי ער וואלט געווען פון

634 די סאמע גאטס געשווארענע הומאריסטיקער |...|".

קרעזאווסקי, 1.

ה ו מ א ר י ס ט י ש – <u>אדי/אדוו.</u> וואס איז דורכגעדרונגען
מיט הומאר, וואס איז קאמיש, שפאסיק, וויציק.

% <u>הומאריסטישע</u> דערציילונג. <u>הומאריסטישע</u> געשטאלטן.
שרייבן <u>הומאריסטיש</u>.

1947 " הערשעלע פייוולאוויטש, וואס איז געווען א <u>הומאריסטישער</u>
טאלאנט און האט געקענט מאכן גראמען, האט פארפאסט א ספעציעל 631
ליד לכבוד מענדעלען".
<u>יזב 8, 81.</u>

ה־

88

(?נ?) ה ו מ א ר י ס ט ע ו ו ע ן - אוטוו. (שנש, איר)

שרייבן אדער רעדן הומאריסטיש.

1939 " ער הומאריסטעוועט |...| ווי א שטייגער ער וואלט

634 געווען פון די סאמע גאטס געשווארענע הומאריסטיקער,

אונטערגעהתמעט ביים נאטארעס פון מלך באביעסקי אליין".

קריזאווסקי, 1,

| |
|---|
| רעד: פון וואסער ווערק? אין קארטל דא נאר דער מחבר און יאר |

89 ה ו מ א ר ל א ז - אדי/אדוו. (דטשמ) אך הומאר.

ה ו מ א ר ל א ז י ק - אדי/אדוו. דזוו דפוו.

91 ה-

ה ו מ א ר ל א ז י ק י י ט - די, בא. אייגנשאפט אדער מצב פון זיין הומארלאזיק.

(?נ?) ה ו מ א ר ע ו ו א ס ע - אדי. (שנש, איר) הומאריסטיש.

1939 " ער הומאריסטעוועט אויף זיין הומארעוואַרטן

634 שטייגער, ווי א שטייגער ער וואלט געווען פון די סאמע

גאַטס געשווארענע הומאריסטיקער".

קריזאווסקי, 1.

ה ו מ א ר ע ס ק ע – **די, =ס.** קורצע הומאריסטישע

דערציילונג.

1956 " די שטותעוואטע **הומארעסקע** זוכט מיט אלע 'אומכשערע'

מיטלען צו מאכן א בילבול אויף מיר". 637

**י. גלאטשטיין, פער 166, V!/29.**

1961 " ס'איז א **הומארעסקע**, א מעשהלע וועגן א שניידערל,

וואס האט אלץ געחלומט א מאל ארויסצונעמען זיין 636

ווייב אויף א רייזע".

**ש. העלער, פער 155, V!!!/2.**

ה ו מ א ר פ ו ל – <u>אדי/אדוו</u>. דורכגעדרונגען מיט א סך הומאר, זייער שפאסיק, קאמיש.

% א <u>הומארפולע</u> דערציילונג.

1954 " שלום=עליכם האט אין זיין שאפונג ׳גימענאזיע׳ באשריבן אויף א הומארפולן אופן דאס דאזיקע געיעג אין די גימנאזיעס". 638

<u>וויניק, יזב 10, 190.</u>

(?נ?)  ה ו מ ב ו ג  -  <u>דער, בא.</u>  (<u>אמ</u>) אפנארעריש צעבלאזענען

ענין, בלאגע, בלאף.

ה ו מ ו ס - דער, בא. באשטאנדטייל פון געוויסע באצנס, אויפגעקומען א דאנק דער צעפאלונג פון רעשטן פון בעל=חיים און געוויקסן.

% דער הומוס מאכט פרוכפערדיק דעם באדן.

1926 " זעצט אריין עטלעכע ווערעם אין א גרויסן בלומענטאפ מיט נאסער ערד, האדעוועט זיי מי ט פוילע און אנדערע 643
געוויקסן=רעשטן. וואס פאר אן אויסזען האט באקומען די ערד אין זעקס וואכן ארום? מעסט אוים דעם אויסגעבילדעטן הומוס= שיכט".

יאכינסאן, 2, 237.

(?נ?) ה ו מ ז ע ן - אוטור. "רעדן אונטער דער נאז" |קטור|.

644

רעד:מסתמא דאס זעלבע |פארגרייזט?| וואס האמזען

|סטוטש 376| פון וואנען קומט דאס ווארט?

ה ו מ נ י ע ן - אוטוו. (לאקל, פטיטש, מינסקער געגנט)

פאנפען, רעדן אונטער דער נאז" |קטוו|. 645

רעד: פון וואנען שטאמט?

דא אין פויליש/רוסיש:

מיטן באטייט: געריש פון קולות

אפשר פון רוסישן

טאקע מיטן באטייט פאנפען?

ה ו מ ע ט - דער, בא. פייכטקייט

1932 " שווימען טעג ווי ווייסער שוים אויף אייז=באפרייטן טייך: ווארעמקייט, היץ, הומעט און קעלט".

ברעגמאן, 1א, 189.

ה ו מ פ י ק I - דער , =עס.

1. דיקער מענטש |סטוטש 117|.

2. "קליין, דיק מענטשל" |ר. האהלער, פער 90, נ' IV - 3 - 6|.

ה ו מ פ י ק II – דער, =עס (באט) " א רויטע יאגעדע,

אינעווייניק מיר הערעלעך, ווי וואטע, וואס בייסן" |קטוו|.

% ער האט זיך צוגעטשעפעט ווי א הומפיק" |קטוו|.

ה ו מ פ י ק !!! – " ווילדע רויז ( ראזא קאנינא)"|קטור|.

רעד: קארטל איז דא אן אנווייז:"טערמ' 5".

וואס איז דאס פאר א טערמינאלאגיע?

ה ו מ ק ע ן  –  אוטוו. ארויסברענגען אין רייד א סך מאל

דעם קלאנג"הם="אדער"הום"=, ווי אן אויסדרוק.

% הומקע נישט, רעד קלארע דיבורים.

ה ו ן I - די, מצ הינער, פֿקפֿ הינדל/ הינדעלע.

1. די זי פון שטוביקן עוף (ווסנ
פון דער פאזאן=משפחה ), ווערט
געהאדעוועט צוליב די אייער און פלייש וואס מע עסט.

% האדעוועז הינער. די הינער פיקן קערנדלעך. די הון
קוואקעט, זי וועט באלד לייגן אן איי. די הון זיצט אויף
די אייער. זגאלן הינער: באנקיווע, האמבורגער, טערקישע,
יאוואנער, כינסקע, קאלאקוטסקע, שטוביקע, גאלאגאנער/
גאלאגאנסקע |סטוטש 247|.

1817 " |...| מן זאל ניט איבר זעצן איין הין אויף אייער
זאל הינדליך אויש פירן". 729
איבז אנ, ס' חסידים, סימן מ"ו.

|1898?| " |...| דאס נאכטראגן די קיישלעך מיט אייער און
הינער, בפרט דאס כאפן איין מיטן גאס אן אנטלאפענע הון, איז
נישט פון די גוטע זיבן זאכן!".
פרץ, 17, 280.

1936 " איך שטאט קיניג בארג איז אזא איינפיר געוועץ:

729/1 האט איינער געהאלטן א האן מיט א <u>הון</u> איך שטוב און זיי
נישט צו דער צייט עסן=טרינקען געגעבן, האט ער געמוזט א
זאך זויער=געזאלצענעם בארשט אויסזופן".

<u>שטיינבארג, 3, 16</u>.

1956 " |...| געזינג און געטענץ פון הענער און <u>הינער</u>".

<u>גלאטשטיין, 1, 241</u>. 729/2

2. דאס פלייש פון א הון.

% צו מיטאג האט ער געגעסן א פערטל <u>הון</u>.

א)

<u>פפ:</u> <u>אפגעפליקט ווי א הון</u> – וועגן עמעצן, וואס מ'האט אים
באגנבעט איך גאנצן, אויך וועגן איינעם, וואס האט פארלוירן
זיין גאנצן פארמעגן איך מיסחר <u>אד"גל</u>.

זען ווי א בלינדע הון - זען זייער שלעכט.

זיצן ווי א הון אויף הינדעלעך - זיצן לאנג אומבאוועגלעך.

הונגעריק ווי דעם מילנערס הינער - וועגן איינעם וואס
איז נישט הונגעריק, האט א סך וואס צו עסן.

(אומ)טראגן זיך ווי א הון מיט אן איי - ארומגיין אומרויק,
זוכן זיך אן ארט.

זיס ווי הון - גוט זיס און געשמאק.

אויסזען ווי א הון נאך תשמיש - אויסזען שלעכט, אפגעשוואכט;

2) זיין צעשויבערט. זיצן ווי א הון אויף די אייער - זיצן
לאנג אומבאוועגלעך, גיט טאן גארנישט.

בלייבן ווי א הון אויף די אייער - בלייבן אן גארניט,
אנווערן, האבן א מפלה.

1594 " אריינגעבראקט די עטלעכע קערבלעך |...| און געבליבן

זיצן |...| ווי א הון אויף די אייער". 676

שלום=עליכם, 35.

קוואקען ווי א הון ביים לייגן אן איי - פלאפלען, פלוידערן,

רעדן א סך.

איינגעשלאפן ווי א הון - 1) איינגעשלאפן גיך און שטיל.

2) געשטארבן שטיל.

1901 " זי האט געזאגט, אז זי וועט שוין פון ווארשע |...|

נישט צוריקקומען... איין דאקטער, צוויי, דריי דאקטוירים -

און, לא=עליכם, ווי א הון איינגעשלאפן!"

פרץ, 17, 340.

ארומפאדען (ארומלויפן ) ווי א הון - האווען, שמייען, זיין

שטארק פארטאן, ארומגיין אומרויק.

1878 "ער איז געוועזן שרעקלעך אומרויק און ארומגעפאדעט צעקאכט, ווי א הון וואס וויל איין וועסנע זיך זעצן אויף אייער".

מענדעלע, 16 א, 112.

ארויפקריכן ווי א הון אויף דער לאקטע - ארויפקריכן גיך און גר גרינג.

וואלוול ווי הינער נאך כפרות - זייער ביליק.

געפאקט (צונויפגעקוועטשט) ווי הינער אין א קאטוך - שטארק געפאקט.

ב)

פוול: א הון מיט א האן, די מעשה הייבט זיך אן - ~~א-טראדיציא~~ א טראדיציאנעלער אופן אנצוהייבן דערציילן א מעשה.

פאר קינדער: שוחט, שעכט מיר די הינער! - וויפל הינער? -

איינעם א האן - חוזקדיק ווען עמעצער מאכט א גאנצן

ווען פון א קלייניקייט, איז מגזם.

ניט פאר די הינער געדאכט - שפאסיק במקום " ניט דא געדאכט,

ניט פאר אייך געדאכט".

די קאץ זאל לייגן אייער, וואלט זי געווען א הון -

איראניש ווען עמעץ זאגט "ווען ס׳וואלט...וואלט",

וועגן אן אוממיגלעכער זאך.

א הון פון כפרות, א הזיר פון קאלייד - שפאטיש וועגן א

פארזעסענער מויד.

צוויי הינער מיט צוויי הענער, איך קען דעם ליגן שענער -

געזאגט ווען עמעצער זאגט עפעס ניט אמתדיק.

ער קוקט אויף די הינער, פגרן די גענדז - וועגן א שיקלדיקן

מענטשן.

גיי (שלאפן) מיט די הינער! - געזאגט צו עמעצן, ער זאל זיך אפטראגן.

גיי ביי די הינער - דזוו דפוו.

אז א הון קרייעט, דארף מען זי קוילען - געזאגט ווען עמעצער טוט עפעס, פירט זיך אויף זייער שלעכט, אומפאסיק פאר אים, ניט נאטירלעך.

ס'איז נאר וואס פון דער הון - ס'איז ניי, פריש.

זיין די כפרה=הון (כפרה=הינדל) - זיין דער קרבן פאר עמעצן, ווערן באשטראפט פאר עמעצנס זינד.

ג) שוו:

ווען אן ארעמאן עסט (א) הון, איז אנדער ער איז קראנק אדער די הון.

די אייער ווילן זיין קליגער פון די הינער (וואר: די אייער לערנען די הינער).

די בעסטע הון קען ניט אויסזיצן צוויי הינדעלעך פון איין איי.

א הון איז גוט צו עסן זאלבענאנד (וואר: זאלבעצווייט)- –

איך און די הון.

די הון הערט דעם האנס דראשע |=דרשה, ליד| און זוכט זיך א

קערנדל פרנסה.

די הון געדענקט (שוין) ניט ווען זי איז אליין אן איי געווען.

די הון ווייסט אוודאי, צו וואס מען לייגט אונטער די פאדע |=איי|.

ניטא קיין הון, ניטא קיין הינדעלעך.

אז א שיינע הון גייט ארום אין שטוב, איז אויך שיין.

מער שוחטים ווי הינער.

א הון וואס קרייעט, א גוי וואס רעדט יידיש און א יידענע וואס
לערנט תורה - איז נישט קיין גוטע סחורה.

דריי זאכן קענען ניט לעבן בשלום: ווייבער, הינט און הינער.
וואס חלומט זיך דער הון? - פראסע.

ם
הון/הען, מצ הינר/הוינר.

.1 ←-----

1590 " ווי איין הון און |=אן| צער מטיל ביצתה איז אזא
734 זול אך זיא און |=אן| צער מוליד זיין".
מנהגים |...|, דף ע/ב.

1723 " מן פפלעגט (כפרות) צו מאכן. מן נעמט איין האן
679 צו א ינם מאן אונ׳ איין הען צו איינר פרויא |...|".
ס׳ המנהגים, דף מ/ב.

.2 <-----

1541 " מן זיצט זיך נון צו דעם טישן // קושטליך ביגונד

679/1 מן אויף צו טרגן// גיזוטן אונ׳ גיברוטן הינר אונ׳ וישן".

בבא=בוך, סטר׳ 108.

ה ו ן II - דער, =ען. (ס׳רוב מערצאל).

1. באַרבאַריש וואַנדער=פאלק פון צענטראל=אזיע, אין IV - V י"ה,
האבן די הונער באהערשט א גרויסן טייל פון אייראפע,
דערגאנצען אפילו צו דער רוימישער אימפעריע.

1916 " די תלמידים פון לייבניץ און פון געטע זענען
658 די זעלבע הונען און באַרבאַרן פון אמאליקן טעוטאנען=וואלד".
זילבערבוש, 1, 155.

2. (פיג) ווילדער, באַרבאַרישער קריגמאַן.

1954 " |...| ס׳שטעלן זיך אפ |...| יידן פון אלערליי שטעט
656 |...| און באַטראַכטן דעם מאנומענט, וואס דערציילט, ווי
מאדערנע הונען |...| האבן אומגעבראַכט א קהילה קדושה".
ב. ארלעאן, י,ב 10, 714.

ם
**הונן.**

.1 <-------

1698 " זיינן אויף גישטאנדין איין טייל פון דעם פאלק

659 הונן דיא איין אונגרין דז זיא האבין וועלין גיין איין

איטליא |...|".

צמח דוד.

ה ו ן |ןןן|האן| - דער, =ען (זן). זייער א סך, א גרויסע
סומע, א פארמעגן. דאס קאסט א הון (מיט) געלט.

1881 " אין אנדערע שטעט קאסטן תלמוד=תורות אפ הונען
געלט, אבער עס איז ניטא, ווער עס זאל פארשטיין ווי דאס 665
צו פירן".
סאפיר, 1, 35.

1937 " דער בעל=הבית אבער פון פלאץ |...| הייסט זיך געבן
א הון מיט גאלד". 664
ווייסענבערג, 10א, 167.

1974 " |...| אויסגעגעבן א הון מיט געלט אלץ פונאנדערשיק
בריוו צו יידישע מנהיגים אין דער וועלט". 684
ה. יוסטוס, פער 38, נ׳ 82, ז׳ 124.

הון=רב |האן=ראַוו|. דזוו הון, עמפאטיש. 0

1963 " האט ער אים דעם אהערצו נישט געבראכט און זיך

672 געלאזט א הון=רב קאסטן?".

יאנאסאוויטש, 2, 75.

1697 " דוא |=דא| האב איך אינן פיל פקדונות // אונ׳ ם

669 גרושי הוני הונות // דיא מיר נון האבן צו האלטן געבן

פיל פרעמד, לייט".

ס׳ משלים, דף מ"א.

(?נ?) ם ה ו ן IV- טרוו. האבן.

|XV| י"ה| " מארגנט אונ׳ אובנט און |=אן| אבגלון //

724 קיין אנדר קורץ ווייל זי ניט הון |...|".

הוגרלנס שפיללייד, ז׳ 165.

1544 " ברענגט מיר זיא הריין ווען זיא אישט היים קומן//

660 גערן ליבר הער וויר הון עש וואל בור נומן".

שמואל=בוך, סטר׳ 1243.

1697 " |...| וואלט פיל און רעכט גוט איין זאמלן אונ׳

661 מיט גיוואלט הון, דרום גאב אים גאט זיין לון׳.

ס׳ משלים, דף נ"א.

(?ב?) ם ה ר ן / ה א ן – האבן, האב.

1541 " גר בלד וועלן מיר די הוכצייט מכן.// אונ׳ טאג

4640 אונ׳ נכט וויל איך אן אים הענגן.// ווש איך בֿור זוימט

האן וויל איך איין ברענגן". בבא=בוך, סטר׳ 18.

1544 " |...| עש וויל מיין קנעכט דוד איין גיריכט בֿון מיר

4527 הרן // דוד ריפט אן גוט איך זיינם הימילשן טרון".

שמואל בוך, סטר׳ 1775.

1732 " קיי פרואה איז ניקש צו צו טרויאן, גייאט איר

4642 דען מאן אפ מעכט זיא גערן דען ערשטן טאג איין אנדרין

האן". עיון יצחק, דף 6/1.

ה ו נ ג ע ר - <u>דער, בא.</u> 1. אומאנגענעמע שפירונג אין דער מאגן=געגנט, ארויסגערופן דורך דעם באדערפעניש פון שפייז פארן ארגאניזים, שטארקער פארלאנג צו עסן.

% ליידן <u>הונגער</u>. שפירן <u>הונגער</u>. דער <u>הונגער</u> פלאגט/מאטערט. שטילן דעם <u>הונגער</u>. אויסגיין/שטארבן פון <u>הונגער</u>.

|1819| " אזוינר וויא איך, אז ער האט נישט ערגיץ איין
754 אנשפארינניש אן א רבין, קען ער קיין קיום האבן אונ׳
קען טאקי ממש פר <u>הונגיר</u> שטארבן".
<u>יוסף פערל, 1, 108.</u>

1888 " זי פלעגט, נעבעך, איבערטראגן איר שמערץ, אויך קעלט,
759 <u>הונגער</u>".
<u>מענדעלע, 3, 31.</u>

1901 " איא ס׳איז גוט? - זאגט צו מיר יוסף הצדיק, וואס
780 איבערגעכאפט דעם הונגער |...|".
<u>שלום=עליכם, 20, 68.</u>

1936 " |...| וועט אויסגיין פאר הונגער,|...| וועט אויסציען

782 די קאפיטעס אין דער פרעמד".

זינגער, 6, 563.

1948 " |...| איבער בייכער אנגעבלאזענע דער הונגער פייקלט".

755 מארקיש, 9, 44.

2. שארפער מאנגל אין שפייז (בעת מלחמה, טריקעניש אד"גל),

דאס ניט האבן וואס צו עסן.

1858 " אונ בהיט אונז פון אלים בייזן גשעניש דיא דא

775/1 קומן אין די וועלט, איין אום צייטיג טויט פון |...|

הונגר אונ דארשט אוך פאר דארבונג |...|".

תונות ובקשות, דף ה/א.

1957 "אומגערעטעניש מיט געמפלטע תבואה, מיינט הונגער".

775/3 ברוסילאוו, 2, 75.

1961 " דער הונגער האט זיך אריינגעכאפט אין געטא... די
קעלט און די ענגשאפט האבן אריינגעבראכט דעם טיפוס".
מ. גריפעל, יזב לוצקי, 401.

3. (פיג) שטארקער פארלאנג, שטרעבונג, דאס לעכצטן צו עפעס.
% הונגער נאך פרייהייט. הונגער צו וויסן.

1940 "אין דער דאזיקער וועלט אונדזערער |...| פון דעם
ברענענדיקסטן לעבנס=ווילן און לעבנס=הונגער, |...| איז 775/3
פאראן איין גרופע מענטשן, וואס האט גובר געווען אין זיך
די חיה".
קאראלניק, 2, 13.

1952 " דער הונגער נאך מענטש, נאך איבערגעווייטיקטן ייד".
אפרים אויערבאך, 4. 775

א) 7

<u>איבערכאפן דעם הונגער</u> - אויף דער ווייל, עפעס אפעסן.

1916 "<u>איבערגעכאפט דעם הונגער</u>, האבן מיר גענומען
וואַרטן אויף אונדזערע פריינד |...|".
<u>שלום=עליכם, 8ב, 39.</u>

<u>שטארבן פון הונגער</u> - (<u>שפאסיק</u>) שטארק וועלן עסן, זיין
שטארק הונגעריק.

<u>שטארבן (פגרן) דריי מאל א טאג פאר הונגער א חוץ וועטשערע</u> -
ניט האבן וואס צו עסן מחמת ארעמקייט.

<u>ביי דעם עסן קען מען קוים דעם הונגער פארגעסן</u> - געזאגט
ווען די שפייז איז קנאפ.

2) שור:

הונגער קען צו אלץ ברענגען. הונגער קען ניט קיין געבאט.

הונגער איז א בייזער בעל=הבית.

ווען עס פליט (וואר: קומט) אריין דער הונגער דורך דער טיר,

פליט ארויס די ליבע דורכן פענצטער.

מע שטארבט ניט פון הונגער נאר פון כבוד.

פון הונגער שטארבט מען נאר אין א הונגער יאר.

א פויגל אן פליגל און אן ארעמאן א גדלן שטארבן בייע פון הונגער.

איידער שטארבן פון הונגער איז שוין בעסער עסן געבראטנס.

הונגער איז דער בעסטער אפעטיט.

ם

**הונגר.**

.1 <------

1544 " ער שפראך צום כוהן הגדול דער היש אחימלך //

787 גיב מיר ברוט צו עשן בון הונגר בין איך שוואך".

שמואל=בוך, סטר׳ 516.

1680 " פון איבריג עסין אונ׳ טרינקן מער לייט ווערדין

787/1 ביגראבין אלז דיא אין הונגרט שטערבין".

צוכט שפיגל.

1764 " |...| זי ווארן מיד אונ׳ אום מעכטיג פון הונגר".

772 יוסיפון, 5, דף קמ"ז.

.2 <------

1602 " אום ניינטן טאג דאש פורדן מוניט נאך דער הונגר

764 אים הנד איך דר שטאט אונ׳ האט דש פאלק ניכט מער צו עשן".

ס׳ ירמיה, נב - ו׳.

1796 " ווער דא עשט אום גיוועשן דר קאן ברענגן **הונגר**

768 אין עולם".

<u>דרך הישר |...|, פרק כ׳.</u>

ה ו נ ג ע ר =.... – באשטימטייל פון צונויפהעפטן מיטן באטייט: פון הונגער, שייכדיק צו הונגער.

% הונגערלוין, הונגערטויט אד"גל.

(?נ?) ה ו נ ג ע ר = א ו י ג ן – די, מצ. אויגן וואס דריקן אויס הונגער.

752 ... " |...| ווי די חיות=רעות... ברענענדיקע הונגער=אויגן... לויפן, רייסן, יאגן זיך פון וואלד ארויס".

פרץ, 10, 112.

(?נ?) ה ו נ ג ע ר = ג ע ש ו י ר - דאס/דער, =ן. געשוויר,

דאס געשוואלן ווערן וואס קומט אין רעזולטאט פון הונגערן.

1974 "...| מיר ביידע האבן זיך פארנומען מיטן ארויסשלעפן

814 פון הונגער=געשוויר ישראל שטערן".

ר. אויערבאך, 2, 293.

ה ו נ ג ע ר ט ו י ט - דער, בא. טויט וואס קומט אין רעזולטאט פון לאנגן הונגערן.

% הונגערטויט איז געווען א טאג=טעגלעכע דערשיינונג אין די געטאס.

1870 "א סך טויזנטער מענטשן זענען געצווונגען זיך מיט גנבות זיך אפצוגעבן, וויבאלד זיי ווילן זיך נאר אפהיטן פון א הונגערטויט". 807

פער 177, נ׳ 31, ז׳ 233.

ה ו נ ג ע ר י א ר - דאס, =ן. א יאר (א צייט) ווען ס'איז דא א שארפער מאנגל אין שפייז און מענטשן הונגערן.

% צוליב דער טריקעניש אין דעמאלט געווען א הונגעריאר.

1892 " ...| מיר געפינען ביי בנימין הצדיק, אז מע האט

820 אים אויפגעלייגט 22 יאר לעבן, |ווייל| ער האט אויסגעהאלטן א פרוי מיט קינדער אין א הונגער יאר".

פלאי, 2.

1957 " אין דוד המלכס צייטן זענען געווען פיל מלחמות

821 און עס זענען אויך געווען הונגעריארן".

איבז אנ, ליקוטי דיבורים, דף ר"ה.

ה ו נ ג ע ר ל א נ ד - דאס, בא. נאר אין דער פראזע:

/7 (אראפ) קומען פון הונגערלאנד - (אראפ)קומען זייער

הונגעריק, ארויסווייזן א שטארקן אפעטיט.

**הונגערלוין** - <u>דער, =ען</u>. זייער א נידעריקער
לוין (געצאלט) פאר ארבעט, אזא וואס קלעקט ניט אויף
די נייטיקע הצטרכותן פון ארבעטער.

% ארבעטן פאר/אויף א <u>הונגערלוין</u>. פארדינען <u>הונגערלוינען</u>.
קעמפן קעגן די <u>הונגערלוינען</u>.

1934 " מיין זייגערל, מיין זייגערל// ביים פעטער ליגט
עס שוין,// נאר בעסער ווי צו זיין א סקיב // א סקיב 828
פאר הונגערלוין".
<u>מ.ל. האלפערן, 4, 171.</u>

1961 " דער שכר=לימוד האט געדעקט נאר א נישטיקע טייל
פון שולבודזשעט, הגם די לערערס האבן געארבעט פאר 827
<u>הונגערלוינען</u>".
<u>ש. פערדמאן, יזב 13, 285.</u>

ה ו נ ג ע ר = ל יי ד נ ד י ק ע (ר) - די/דער וואס
ליידט הונגער, וואס הונגערט.

1968 " די הונגער=ליידנדיקע |איך געטא| האבן געערדט
831 וועגן טויט ווי וועגן א דערליידזונג |...|".

ב. ארענשטיין, יזב 2, 823.

ה ו נ ג ע ר מ א ן - דער, |מצ הונגערלייט?| (איר) אן ארעמאן.

% ביידע זענען ארעמע=לייט - קבצנזאן און הונגערמאן.

ה ו נ ג ע ר נ ו י ט   -   די, בא. דזוו הונגער, ב' 2, עמפאטיש.

1951 "אונטער די שווערסטע עקאנאמישע באדינגונגען אפילו

איך הונגערנויט, האט מען געבויט קולטור=אינסטיטוציעס, 834

וואס האבן געהאט א שם איוף דער וועלט".

מ. קאסאווער, פער 106, 1131.

1970 " ווינטער, אנהייב 1942, זענען צו דער אויסטערלישער

הונגערנויט |אין געטא| צוגעקומען די יסורים פון קעלט".

יזב 15, 776.

(?נ?) הונגער = פנים |=פאנעם| – דאס, ~ פנימער|פענעמער|.

פנים וואס באווייזט, אז מע הונגערט, לאנג, מע עסט ווינציק.

1951 " |...| יונגע באגייסטערטע אידעאליסטן מיט פארחלשטע

839 הונגער=פנימער האבן דא פון א נייער ליכטיקער וועלט

גערטוימט".

בעל=דמיון |נ:שטיף|, פער 106, 1129.

(?ב?) ה ו נ ג ע ר = ק ו ר א צ י ע - <u>די, בא.</u>

דאס היילן געוויסע קראנקייטן דורך קנאפ עסן.

(?נ?) ה ו נ ג ע ר = ר ע ז ש י ם – דער, בא.

רעזשים וואס באשטייט אין געבן די מענטשן זייער

ווינציק צו עסן.

1952 " די געפאנגענע | אין קאנצענטראציע=לאגער| זיינען

842 געווען אונטערגעווארפן א שרעקלעכן הונגער=רעזשים".

יזב 12, 528.

ה ו נ ג ע ר = ש ו ר י נ ד ז ו כ ט - די, בא. (שגל)

טובערקולאז אין רעזולטאט פון הונגער.

1961 " זלאטע שנור גיט איבער דעם טערמין פון לאדזשער

געטא: הונגער=שווינדזוכט". 843

בלומענטאל, פער 90, נ' XXI - 3.

ה ו נ ג ע ר ש ט ר יי ק - __דער, =ן.__ פראטעסטשטרייק, באשטייט אין ניט עסן.

% די ארעסטירטע האבן דערקלערט א __הונגערשטרייק__, פראטעסטירנדיק קעגן שלעכטער באהאנדלונג מצב די תפיסה=וועכטער.

1947 " די פאליטישע ארעסטירטע האבן אלס פראטעסט אלץ

837 צעבראכן אין דער טורמע און דערקלערט א __הונגערשטרייק__".

__יזב 8, ז׳ XII.__

הונגעריק - אדי/אדוו.

1. שפירנדיק הונגער, פילנדיק א שטארקע באדערפעניש צו עסן.

% ער איז הונגעריק, ער האט א גאנצן טאג ניט געגעסן.
שפייזן הונגעריקע מענטשן.

1817 "...|...| ער זאל זען אז שבת גיט |=גייט| איין זאל ער
883 ניט הונגריג זיין כדי ער זאל מקבל שבת זיין בשמחה".
איבז אנ, ס׳ חסידים, סימן ק"ן.

1888 " הונגעריקע קינדערלעך האבן זיך פארשלאגן אין
880 א ווינקל, געזעסן איינגעהויקערט און צענטן".
מענדעלע, 3, 12.

1902 " מיד, פארמאטערט און הונגעריק האט זי זיך צוריק
865 געווארפן אויפן בעט און אריינגעגראבן דעם קאפ אין קישן".
רייזען, 4, 155.

1924 " פון זייך אלטן גארגל, אזוי ווי א ציג,|...| //

891 וואס מעקעט, ווען זי איז הונגעריק".

מ.ל. האלפערן, 1, 27.

1968 "ס'האבן געלערנט | איך געטא| הונגעריקע מלמדים מיט

861 הונגעריקע חדר=קינדער פון גאנץ פרי ביז שפעט אין דער נאכט".

ש. ראזמען, יזב 20, דף רפ"ח.

.2 (פיג) וואס דריקט אויס הונגער (ווען אויגן, פנים, קול אד"גל)

1939 " א ייד מיט א הונגעריק קול האט זיך אין דער ברייט

871 געשאקלט איבערן טיש און געשלונגען די ווערטער".

פערלע, 3א, 21.

1962 " דייך תלמיד אבער גייט ארום מיט הונגעריקע אויגן |...|"

862 גראדע, 5, 102.

3. (פיג) וואס שטרעבט, לעכצט צו עפעס.

% דער בחור לייענט א סך, איז הונגעריק נאך וויסן.

1862 " דאס וואס דער גוף איז הונגעריק צום לחם הגשמי
נעמט זיך דאס פון דעם, וואס די נשמה איז הונגעריק 886
צום ניצוץ אלקי שבהמאכל".
איבז אנ, לקוטי שיחות, ז' 177.

1929 "|...| שטראמיק כליופעט מייך הונגעריקער גאנג |...|".
משה קולבאק, 4, 24. 855

ם א) פּפֿ: הונגעריק: ווי א הונט (וואר: ווי א הונט איך די
ניין טעג); ווי א וואלף (איך וואלד); ווי נאך א תענית
(וואר: ווי א פרעסער נאך א תענית);
ווי נאך א קרענק - שטארק הונגעריק.
הונגעריק: ווי דעם מילנערס הונט (וואר: הינדל, הונט,חזיר.
ווי א גאנדז איך (א זאק) האבער;

וי פורים נאך דער סעודה; וי א ייד צום אפיקומן — אין גאנצן ניט הונגעריק.

טויט הונגעריק (זייך) — שטארק הונגעריק (זייך).

הונגעריק אז מע הערט (אזש) אין ווייך — דזוו דפוו.

כאפן וי א הונגעריקער — עסן אויף גיך, כאפנדיק.

צוגרייטן וי פאר הונגעריקע — צוגרייטן א סך.

ב) פורל:

ער קען שוין פאר א הונגעריקן באשטיין — וועגן איינעם וואס עסט א סך און קען זיך ניט אנזעטיקן.

ביסט הונגעריק? לעק זאלץ וועט דיך דארשטן — שפאסיק, ווען ס׳איז נישטא וואס צו עסן.

ג) שור:

דער זאטער גלייבט ניט דעם הונגעריקן.

אז מע לייגט זיך (שלאפן) הונגעריק, שטייט מען אויף שלעפעריק
(וואר:אז מע לייגט זיך שלאפן א הונגעריקער, לויפט די
איבער די טעפלעך).

א שלעפעריקן לאזט מען איבער, אבער ניט קיין הונגעריקן.

ווער ס׳לייגט זיך שלאפן הונגעריק, דעם חלומען זיך בעטלערס.

א הונגעריקן קומט ברויט צו חלום.

פאר א הונגעריקן בייכל איז קירבעס אויך א מאכל.

(שגל) אז מען איז הונגעריק זוכט מען א פערד מיט די פאדקאווועס.

ד) פאלקס=גלייבעניש:

אז דאס ברויט פאלט מיט דער פוטער אראפ, איז א סימן אז
די כלה איז הונגעריק.

ה ו נ ג ע ר י ק ע ר ה יי ט - אדוו. איך מצב פון זיין הונגעריק.

% גאר ניט געגעסן און הונגעריקערהייט אוועק צו דער ארבעט.

1972 " ער האט געוווסט, אז הונגעריקערהייט קענען די

900 ארבעטער ניט אויספירן די ארבעט |...|".

ראזענפארב, 2, 312.

ה ו נ ג ע ר ן - אוטוו.

1.ליידן הונגער, ניט עסן, מחמת ניט (האבן וואס צו עסן).

% די ארבעטסלאזע הונגערן. די יידן אין די געטאס האבן געהונגערט.

1894 "דארפן מען אויף=זיין גאנצע וועכט און הונגערן גאנצע טעג - לאז מען כאטש דערפון א נוצן האבן".

פרץ, 17, 108.

... " |...| אין איינעם געהונגערט, אויסגעריסן געווארן".

906 שלום=עליכם, דערצ' "פיר זענען מיר געזעסן".

1924 " א, ווו, איז ער, דער שווארצער ברויט - פון ערגעץ

907 הונגערנדיקע עלטערן?".

מארקיש, פער 100ב, 4.

1968 " כדי מענטשן זאלן זיך נישט דערוויסן, אז אין זייער שטוב הונגערט מען, האבן זייערע פרויען אוועגעשטאלט אויף דער קיך א טאפ וואסער, וואס האט זיך כסדר געקאכט".

יזב 2, 110.

2. אומפערזאניק מיט א פערזאניקן פראנאם אין אקוז׳.

ס׳ווילט זיך עסן, מ׳איז הונגעריק.

% עס הונגערט מיך, כ׳האב נצאך פון אין דער פרי ניט געגעסן.

אויב ס׳הונגערט דיך, טא כאפ עפעס איבער דערווייל, דער מיטאג איז נאך ניט פארטיק.

1939 " עס הונגערט מיך נישט". פערלע, 3א, 287.

פערלע, 3א, 287. 913

1967 " ס׳האט מיך נישט געהונגערט, אבער א וואסער איז מיר

אנגעפלאסן אין מויל". 905

באשעוויס, פער 155, 19/V.

3. (פיג) שטארק שטרעבן, לעכצן צו/נאך עפעס.

1960 " |...| דער עלטער און פארשטויסענער אונטער=שמש

האט שטארק געהונגערט נאך חברשאפט". 910

סיימאן, 2, 110.

ם

**הונגרן**

.1 ←-------

1676 " הונגרט זיא זא זול זיך זעצן אן טיש אונ׳ עשין |...|".

904 ברנט שפיגל, פרק מג.

.2 ←------

1544 " דש נימנט זול עשן האט בור בוטן אונזר הער // מיר

911 מוישן עז אף האלטן אונ׳ הונגרט אונז נוך צו זעריי.

שמואל=בוך, סטר 231.

(?נ?) ס ה ו נ ג ע ר ק יַ י ט - די, בא. דזוו הונגער.

1626 " |...| אונ' שפייז האשטו זיא פון הימל געבן צו

901 איר הונגרקייט |...|".

ס' המגיד, 1, נחמה, ט - ט.

152 ה-

(?נ?) ה ו נ ג ע ר ש א פ ט - דאס/די, בא. (שנש) דזוו הונגער.

1956 " דער בראצלאווער פאסט פאר דער הונגערשאפט פון מענטש".

902 י. גלאטשטיין, 1, 185.

153 ה-

(?נ?) הונדזשאווקע - די, =ס. (לאקל, לאדזש)

"א וויג, א הוידע"|מ. וויינרייך, פער 88, נ׳ 1, ז׳ 54|.

רעד: וויינרייך גיט צו: דאס פוילישע

מיט דער נאזאלירונג, וואס איז כאראקטעריסטיש

פארן פוילישן יידיש".

ס׳איז א קנאפע "סברה": אפילו מיט "נאזאלירונג"

קאן ניט ווערן פון "הושט" = "הונדזש".

ה ו ב ד ז ש ע ן   ז י ך   -   <u>אוטוו</u>. (ל לאקל, לאדזש)

"הוידען זיך".

|<u>מ. ווײַנרײַך פער 88, נ׳ 1, ז׳ 54</u>|.

רעד: זען פריערדיקע באמערקונג.

ה ו נ ד ע ר ט - סכומיק צאלווארט.

1. די ציפער 100.

% שרייב אן 100. ציילן ביז הונדערט. טויזנט צעטיילן אויף הונדערט איז צען. דריי הונדערט. זיבן הונדערט.

2. די צאל הונדערט.

% הונדערט רובל, הונדערט דאלאר. הונדערט מענטשן. דריי הונדערט קילאמעטער. הונדערט מאל.

1864 " דער גביר האט דערהערט פינף הונדערט טאלער, איז ער אויסן זינען געווארן |...|". 920

דיק, 13, 33.

1911 " |...| נאך הונדערט יאר, אויב מעגלעך, וועל איך עס געוויס אפזאגן אויף יידישע אנשטאלטן". 924

ש.ג. הרכבי, 1, 90.

1930 "דאס דאזיקע געשפרעך האט אפגעהילכט אין די בלוטן
פון די <u>הונדערט</u> צוואנציק נאציעס און ראסן". 919/1
<u>איינהארן, 7, 216.</u>

1974 " דאס געטא=טויער מיט דער דייטשער וואך מוז זיין
נאר עטלעכע <u>הונדערט</u> טריט פון דאנען, די זשאנדארן 919/2
וועלן זי זען און שיטן".
<u>עלבערג, 2, 25.</u>

<u>ביז הונדערט און צוואנציק</u> - 1. טראדיציאנעלער צוגאב
ביים דערמאנען עמעצנס יארן, זיין עלטער.
% ער איז אלט 30 יאר, ביז הונדערט און צוואנציק.

2. ווינטשעוואניע.

% איר זאלט דערלעבן <u>ביז הונדערט און צוואנציק.</u>

<u>נאך/איבער הונדערט און צוואנציק</u> – אין דער ווייטער צוקונפט, נאכן טויט.

1899 "זיי זאלן נאך הונדערט און צוואנציק יאר נאך אייך קדיש זאגן". 937

<u>דינעזאן, 3.</u>

<u>(אויף) הונדערט פראצענט</u> – זייער גוט, אין גאנצן.

% די ארבעט איז געמאכט <u>הונדערט פראצענט</u>. ניט געזארגט, ס'וועט זיין <u>הונדערט פראצענט</u>!

<u>צוויי הונדערט צען!</u> – היט זיך! פארזיכטיק! גיב אכטונג!

|<u>סטוטש 313</u>|.

<u>די פיר הונדערט</u> – די הויכע ספערן, די אריסטאקראטיע.

|<u>סטוטש 544</u>|.

<u>דער הונדערט און צוואנציקער</u> – ביי חסידים פלעגט מען זיך אזוי אויסדריקן סאטיריש וועגן דעם רבינס יורש=עצר |לקס"ן|.

הונדערט און הונדערט איינס איז אלץ איינס (שוו).

ם הונדרט.

-----> 2.

1541 " אונ׳ווארטט דורט ניט ווייט בון דאנן // מיט
ויר הונדרט גיהארנישטי מאנן".
בבא=בוך, סטר 29.

1610 " זייך אופפר שוישל אייך אונ׳ דריישיק אונ׳ הונדרט
איר געוועכט בעקן |...|". 926/1
טייטש=חומש, במדבר, ז - מג.

1743 " דרייא הונדרט זיינן פון די רומיים דש זעלביג מאל
גיקעפט גווארן". 926/2
שארית ישראל, דף ל"ח.

159 ה–

ה ו נ ד ע ר ט ו ו י י ז - אדוו. דזוו הונדערטערוווייז, ב׳ 1.

1910 " און זיי - זיי פאלך הונדערטוויייז".

941 פרוג, 1, 121.

ה ו נ ד ע ר ט = ח ל ק |כיילעק| - דער, בא.

איין טייל פון א גאנצקייט, צעטיילט אויף הונדערט גלייכע חלקים; הונדערטסטל.

% א הונדערט=חלק פון דער בעפעלקערונג.

ער האט געקריגן בלויז א הונדערט=חלק פון דער ירושה.

1923 " |...| האבן דאך די דערמאנטע פיזיקער געפונען א מיטל וואס האט נישט נאר געקאנט אויפכאפן די קליינע דיפערענץ, נאר וואלט אפילו געקאנט ארויסווייזן א הונדערט=חלק פון איר |פון דער געשווינדקייט|, אויב זי וואלט נאר ווירקלעך געווען". 941/1

גוטנבוים, 1, 45.

ה ו נ ד ע ר ט = י א ר י ק – אדי, פפ̄ הונדערטיעריק.

וואס איז אלט הונדערט יאר.

% א הונדערט=יאריקער זקן. הונדערט=יאריקע ביימער.

1921 " קלעצער פירט מען נאך אנאנד.// א מאגער פערדל

946 פירט// א הונדערט=יעריקן גיגאנט".

סעגאלאוויטש, 6, 37.

1931 " איך מיטן וועג |...| שטייט אך אלטער פישער מיט

945 א פישערקע – שוין ביידע הונדערט=יעריקע |...|".

מארקיש, 5, 227.

ה ו נ ד ע ר ט ט י י ל - דער/ די. דזוו (עלט?)

הונדערטסטל, הונדערט=חלק.

1910 " א לערער ביי אן אנדער פאלק - // כאטש ער זאל ווערן

942 אויסגעצויגן - // וועט דאך א הונדערטטייל פון דעם //

ניט זען אין די אויגן".

פרוג, 2, 234.

ה ו נ ד ע ר ט ל י נ ג - דער, =ען. (עלט) דזוו

947 הונדערטסטל |"דיא נייע פראקטישע אריפמעטהיקא, בארדיטשוב1891 |,

רעד: על=פי אנאלאגיע מיט "צענדלינג"...

הונדערט=מאליק - אדי/אדוו.

1. הונדערט מאל (אזוי פיל), פארגרעסערט הונדערט מאל.
הונדערט=מאליק פארגרעסערט בילד פון די באקטעריעס.

2. (פיג) זייער א סך מאל.

% הונדערטמאליק איבערגעהזרטער ליגן.

1964 " מיין גאט, דיין הונדערט=מאליקער געפינער האט
זיך אליין פארלוירן". 953/1

ב. העלער, 2, 45.

ה ו נ ד ע ר ט ס ט ל - דאס, =ער.

1. דזוו הונדערט=חלק.

2. (מאט) א צאל געטיילט אויף הונדערט.

% איין גאנצע מיט דריי הונדערטסטלעך. אין דער רפואה איז דא פינף הונדערטסלעך גראם נאטריום.

ה ו נ ד ע ר ט ע ר - דער, =ס/מצ דז.

1. מטבע אדער באנקנאט אויף דעם ווערט פון הונדערט געלט איינסן (גילדן, שקלים, דאלאר).

% צעבייטן א הונדערטער אויף קליינגעלט. געבן רעשט פון א הונדערטער. אין בייטל האט ער צוויי הונדערטערס און דאס רעשט פופציקערס און צענערס.

1906 "|...| גיט אן עפן אויף |דעם בייטל| און - איינס אין איינס - הונדערטער".

פרץ, 17, 358.

1965 " ווען זי האט שוין כמעט געהאט אפגעטוישט די גילדענע רענדלעך אויף א גאנצן הונדערטער, האט זיך ביי איר דאס רעדל איבערגעדרייט".

י. קייטלמאן, פער 155, !!!V/21.

2. (ס'רוב מיטן אומבאשטימיקן ארטיקל) הונדערט געלט איינסן (גילדן, דאלאר, רובל אד"גל). פארדינען א הודערטער אויסגעבן א הונדערטער. דאס קליידל וועט קאסטן ארום צוויי הונדערטערס.

1812 " א קליינן שטעטלדיקער קרעמער איז געווינט,אז ער לייגט אריין א הונדערטער אין סחורה, דארף אים טראגן אחד באחד". 968

פלאי, 2, 3.

1901 " מיינט איר אפשר, איך בין א קארגער? אסור חזיר! ביי מיר איז א הונדערטער - בלאטע!".

פרץ, 17, 329.

... "איין הונדערטער איך זאל כאטש האבן |...| כאטש אויף איבער דרייען זיך".

שלום=עליכם, 26ב, 86.

3. במ. (מאט) דער נאמען פון דער דריטער (פון רעכטס) ציפער אין א פילציפערדיקער צאל.

% פריער צוגעבן די איינסן און צענדליקער, דערנאך די הונדערטער.

4. צאלווארט. (פיג) ווי איין הונדערט, א סך, פילמאליק, עטלעכע הונדערט.

% הונדערטער מענטשן זענען זיך צונויפגעלאפן.

הונדערטער טויזנטער יידן זיינען אומגעקומען אין טרעבלינקע.

1873 " ביים דניעסטער ליגט דארט פון הונדערטער יארן באגראבן עפעס א איינער א גרויסער למדן". 972/3

מענדעלע, 1, קאנק 189710.

1928 " דא אין דער שפינמאשין | דרייען זיך הונדערטער שפינדריידלעך". 972/1

איזרא, 1, 57.

1957 " |...| אט דאס געזעץ איז שוין מיט הונדערטער
יארן צוריק באוווסט געוועזן דעם בעל=הכוזרי". 972/2
ה. צייטלין, 1, 188.

1960 " מיר ציטערן כסדר פאר דער |...| געענדערטער
עקאנאמיק אין יידישן לעבן - און די הויפט=ציטערניש 972/4
איז שוין הונדערטער מאל אויסגעדרעשט געווארן".
י. גלאטשטיין, 2, 337.

ה ו נ ד ע ר ט ע ר ו ו י י ז – 1. אדוו. צו הונדערט, (א)

(א) הונדערט נאך (א) הונדערט.

% די סאלדאטן שטייען אויסגעשטעלט הונדערטערווייז.

די טאבלעטן גייען אין פעקלעך הונדערטערווייז.

2. זייער א סך, אין די הונדערטער.

1947 " |...| אזעלכע פאקטן קען מען ברענגען הונדערטערווייז".

974 יזב 8, 169.

הונדערטערליי - אדי/אדוו. הונדערטער פארשיידענע

זייער א סך פארשיידענע הונדערטערליי סחורות.

% אין דעם מאגאזין זענען דא הונדעטעריי שפילן.

ה ו נ ד ע ר ט = פ אַ כ י ק - אדי/אדוו. דזוו הונדערט=מאליק.

ה ו נ ד ע ר ט = פ ר א צ ע נ ט י ק - אדי/אדוו.

1. וואס האט הונדערט פראצענט פון עפעס.

% הונדערט=פראצענטיקער ספירט.

2. (פיג) פולשטענדיק, עכט, שלמותדיק.

% הונדערט=פראצענטיקע זיכערקייט.

1922 " אלע פארטייען בארימען זיך, אז זיי זיינען די עכטע,

די הונדערט=פראצענטיקע קעמפערס פאר דער נאציאנאלער 956

אויטאנאמיע".

י. מארק, 2.

1971 " מע דארף ניט דערווארטן א הונדערט=פראצענטיקן

דערפאלג |....|". 954

י. ראכלין, פער 155, 20/II.

ה ו נ ד ע ר ט ש א פ ט - די, =ן. (שגל) "ארבעט=גרופע

פון א הונדערט יידן, וואס זיי האבן נישט געהאט קיין סטאבילע
ארבעט, נאר צוגעטיילט געווארן, ווו מע האט זיי
געדארפט. זיי זיינען געווען די ערשטע אויף 'אויסזידלען'

|בלומענטאל, פער 90, נ' XX! - 3|.

ה ו נ ט – דער, מצ הינט, פּקפּ הינטל/הינטעלע.

1. פאַרהיימישטער בעל=חי (ווסנ

ווערט געהאַלטן און איינגעניט צו פאַרשיידענע צוועקן:

צו היטן, צו געיעג, צו געפינען אבידות און פאַרברעכערס א"א.

% א בייזער הונט. האַלטן דעם הונט אויף דער קייט.

אפלאָזן דעם הונט פון דער קייט. א סטאַדע, (א שאַרע, א מחנה)

הינט. א שטוביק הינטל. א שעפערהונט. א געיעג (יאַגד=)

הונט. א פאָליציי (=שפּיר)=הונט. דער הונט האווקעט, בילט.

אנרייצן דעם הונט. דער הונט דרייט מיטן עק.

זגאַגלן הינט: הויפהונט, וואַלפהונט, שאָפהונט, געיעגהונט,

סען=בערנאַרדינער הונט. ניו=פאַונדלענדער הונט,

עסקימאָסישער הונט, אויסטראַלישער ווילדהונט אאז"וו.

1814 " וואו |=ווי| א הונט קערט זיך אום צו זיין אויס גאנג

אזו א ז אוך אנאר וואס טיעט אלי מאל ווידר זיינע 1292

נארישקייט".

איבז לעפין, משלי, כ"ו - 11.

1873 " איך א מענטשן, קען זיין, ליגט באגראבן א הונט,

און איך א הינט ליגט באגראבן א מענטש". 1296/1

מענדעלע, 1, קאנק 81510.

1890 " כאטש גוט, |...| וואס איך האב נישט קיין מורא

פאר דעם פריצס הינט".

פרץ, 17, 39.

... " נאך אונדזער דין טאר מען אפילו |...| א הונט

נישט אנרירן". 1296

שלום=עליכם, ד7, 123.

1926 " לייבקע האט זיך א האסטיקן שטעל אויף געטאן,

1296/2 זיך אפגעשאקלט פון די קעלעפ, ווי א הינטל, וואס שפרינגט

ארויס פון וואסער, |...| און געוואלט מאכן פליטה".

אפאטאשו, 5, 163.

1973 " |...| מען האט אונדז ביי דער נאכט,// ארומגערינגלט

1795 פון הינט // (און מענטשן וואס די הינט באדינען),//

געטריבן צו דער נאכט=אשמורה פון עבודת=פרך".

ה. אשעראוויטש, פער 38, נ׳ 79 - 80, ז׳ 107.

2. (פיג) ווערן א בייזן, שלעכטן מענטשן, אויך ווי א זידלווארט,

% ביסט א רשע, א הונט. שווייג , דו הונט איינער!

1884 " א מענטש א הונט אפילו איז זייער מיאוס,//, איז

1317 איינגעטונקט אין ייכוס פון קאפ ביז פיס".

אסטראווסקי, 2, 41.

... " |...| נאר וואס דען? - ער דרייט זיך אלע מאל אויס,

1276 דער הונט".

שלום=עליכם, 7א, 36.

1968 " ליפשער |דער דייטשער זשאנדארמען=שעף|, דער בלוטיקער

1276/1 הונט, האט דאך דערקלערט, אז האנדקאך האט געזאגט |...|

אז עס בלאזן נייע ווינטן |...|".

ב. ארענשטיין, יזב 2, 822.

א) פּפּ:

1. געטריי ווי א הונט - שטארק געטריי, איבערגעגעבן.

גראב ווי יורקעס הונט - זייער גראב

הונגעריק ווי א הונט (וואר: ווי צען הינט)

(וואר: אונגעריק ווי א הונט אין די ניין טעג -

זייער דאר, מאגער|אין די ניין טעג פון אב פלעגט

מען ניט שחטן, איז אין די יאטקעס ניט געווען

קיין פלייש, האבן די הינט אויך געליטן|..

<u>הונגעריק ווי דעם מילנערס הונט</u> – איך גאנצן ניט הונגעריק.

<u>צופרידן ווי הינט וואלטן אים גריסן</u> – (<u>איר, אייפעם</u>)
זייער ניט צופרידן.

<u>קארג ווי א הונט</u> – זייער קארג.

<u>קליין ווי א הונט ?יצנדיק</u> – זייער קליין

<u>רויט ווי א הונט</u> – וועגן ווילדפלייש.

<u>שלעכט ווי א הונט אויף דער קייט</u> – זייער בייז.

<u>מיט א גוידער ווי ביים קאלבאסניקס הונט</u> – וועגן איינעם וואס
איז זייער דיק.

(2

<u>אויסזען ווי א הונט אן אן עק</u> (<u>וואר: ווײדל, שוואנץ</u>) –
אויסזען זייער מאדנע, אומגעווענדלעך ווי ס'פעלט א וויכטיקע
זאך.

<u>אויסזען ווי יורקעס הונט</u> – אויסזען שלעכט, קרענקלעך.

<u>אויסזען ווי א געשלאגענער הונט</u> – אויסזען זייער הכנעהדיק, נידערגעשלאגן.

<u>אויסזידלען ווי א הונט</u> – זידלען שטארק, מיאוס.

<u>אויסמיידן (וואר: ווייכן) ווי א משוגענעם הונט</u> – ניט וועלן זיך באגעגענען מיט זייער א שלעכטן מענטשן.

<u>אויספירן ווי א הונט קעגן דער לבנה</u> – ניט פועלן גארניט.

<u>(אויס)פעלן ווי דעם הונט דאס פינפטע פיסל</u> – ניט פעלן, זיין אין גאנצן איבעריק, אומנוצלעך.

<u>אויסקומען ווי א הונט מיט א קאץ</u> – ניט (קענען) אויסקומען, ניט לעבן בשלום.

<u>אויסרייסן ווי א הונט</u> – שלעכטס טאן, דערגיין די יארן.

אויסשטשירען די ציין ווי א הונט – (שלש) לאכן צו שטארק.

אומטראגן זיך, ווי א הונט מיט א ביין – טראגן עפעס פון איין ארט אויפן אנדערן, ניט געפינען זיך קיין ארט, זיין אומרויק.

אומלויפן ווי א הונט (גאנצע טעג) – לויפן איילנדיק, כסדר, יאגן זיך נאך עפעס.

אונטערלעקן זיך ווי א הונט – חנפענען, זיין שטארק הכנעהדיק.

אנגעלייגט זיין ווי אויפן הונט – ניט פאסן זיך לחלוטין.

אנכאפן זיך ווי א הונט פאר א קוילעטש – שטארק וועלן עפעס אריינקריגן, זייער באגערן עפעס.

אנפאלן (וואר: באפאלן) ווי א הונט (וואר: ווי די הינט) – אנפאלן אויף עמעצן בייז, מיט רשעות, מיאוס.

אנרייצן ווי א בייזן הונט – שטארק אונטערהעצן קעגן עמעצן, מיאוס פראוואצירן.

<u>ניט קענען אנקוקן ווי דעם פריצס הונט</u> - מורא האבן זיך פאר עמעצן.

<u>אפרייסן זיך ווי א הונט פון דער קייט</u> - מיאוס באפאלן, זידלען שטארק.

<u>ארבעטן ווי א הונט</u> - ארבעטן שווער און געטריי.

<u>(ארויס)ווארפן פאר די הינט</u> - ווענן אן אומנוצלעכער און איבעריקער זאך, וואס מע וויל (מע דארף) פטור ווערן פון דעם.

<u>ארויסטרייבן ווי א הונט</u> - ארויסטרייבן, פאריאגן אויף א מיאוסן אופן, לאזן אן השגחה, הילף.

<u>ארויסרייסן ווי פון א הונט</u> - אפנעמען, צונעמען מיט שווועריקייטן, מיט געוואלט.

<u>ארומגיין ווי א הונט אויפן מארק</u> - ארומגיין ליידיק, גארניט טאן, זיין איבעריק.

<u>(ארומ)רייסן זיך ווי הינט (איבער א ביין)</u> - קריגן זיך אויף א מיאוסן אופן.

באפאלן, ווי א משוגענער הונט - באפאלן מיאוס, בייז,אן
א שום סיבה.

בילן ווי א הונט אויף דער לבנה - טענהן, שרייען אן שום סיבה
און רעזולטאט.

גראבן זיך ווי א הונט - זוכן, נישטערן, פארשן.

דא/פאראן ווי (די) הינט - (פעיא) ס׳איז דא א סך, מער וויפל מע בדאַרף.

"אגענטן | זיינען דא ווי די הינט". | שלום=עליכם, ד7, 208 |

דינען ווי א הונט - דינען געטריי.

דרייען מיט דער צונג ווי א הונט מיטן ווידל - זאגן ליגן,
זאגן איין מאל אזוי און א מאל אנדערש.ניט האלטן קיין ווארט,

האלטן זיך ווי צען הינט - ניט לעבן בשלום,קריגן זיך,

היטן ווי א הונט א ביין - גוט היטן, ניט אפגעבן, ניט
צולאזן קיינעם.

היטן זיך ווי פאר א משוגענעם הונט – שטארק היטן זיך ווי פאר
א גרויסער סכנה.

הערן ווי דעם הונט (וואר: יורקעס הונט, ווי דעם הונט אין דרויס)
ניט הער, ניט פאלגן.

(אומ)וואלגערן זיך ווי א הונט – ניט האבן קיין (שטענדיקע)
היים.

1909 " בלאנקעט זיך א מענטש גלאט אזוי ארום, |...|
וואלגערט זיך, ווי א הונט. צוליב וואס? צוליב וועמען?". 1264/1
בערגעלסאן, 1, 22.

(צו)ווארפן ווי א הונט א ביין – געבן עפעס אומגערן, מיט
ביטול, אבי פטור צו ווערן, אבי יוצא צו זיין.

1893 " וואס עס קומט אים |דעם מאן| זאגט זי |די מוטער
צו מרימען), על=פי=דין, ווארף אים, ווי א הונט א ביין, 1265/1
און ווייטער – א ווארע!".
פרץ, 17, 15.

<u>ווארפן זיך ווי א הונט (אויף עמעצן)</u> – באפאלן פלוצלינג, בייז.

<u>ווייכן ווי פון א משוגענעם הונט</u> – <u>דזוו</u> <u>אויסמיידן</u>.

<u>זיצן ווי א הונט אויף (א וואגן) היי</u>(<u>וואר</u>: <u>אויף א קופע, קוגע</u>) ←
ניט געבן קיינעם און אליין ניט האבן קיין נוצן.

<u>כאפן א ווארט ווי א הונט א ביין</u> – רעדן האסטיק, צו גיך,
שלינגען די ווערטער.

<u>כאפן ווי א הונט א ביין</u> – נעמען עפעס זייער זשעדנע, איילִיק.

<u>לויפן ווי א הונט נאך א צויג</u> – יאגן זיך נאך ווייבער,
זיין אויסגעלאסן.

<u>ליגן ווי אויף א הונט די פעל</u> – (<u>איר</u>) ניט פאסן זיך
(וועגן א בגד).

<u>לייגן ווי דער הונט</u> – זאגן א מיאוסן ליגן.

לעבן ווי א הונט – לעבן איך שלעכטע באדינגונגען.

לעבן (ערגער) ווי א הונט אויף זיין אייגן מיסט – לעבן גוט, זיין א בעל=הבית ביי זיך אין דער היים.

לעקן ווי א הונט – שטארק חנפענען.

נאכגיין ווי א הונט (נאך עמעצן) – גיין כסדר, ניט אפשטיין, פאלגן.

סלוזשען (אויף די הינטערשטע פיס) ווי א הונט – דינען געטריי, זיך אונטער חנפענען.

עסן ווי הינט וואלטן אים געגעסן – וועגן איינעם וואס האט א סך צער, פארדראס, חרטה, זורג. ווי אפעסן זיך דאס הארץ.

פאסן ווי דעם הונט אן ארבע=כנפות (וואר: א שלייער – (שלס) איך גאנצן ניט פאסן.

פגרן ווי א הונט - האבן א מיאוסן טויט.

פארפאלן ווי אין הונטס מויל אריין - פארפאלן ניט צו געפינען מער.

פיינט האבן ווי א הונט א יידן אין א קאפאטע - (ס'רוב שפאסיק) שטארק פיינט האבן.

פילן זיך ווי א הונט אין די ניין טעג - פילן זיך ניט גוט, זיין הונגעריק.

פירן (עמעצן) ווי א הונט אויפן שטריקל - צווינגען צו טאן אלץ וואס מע וויל, האלטן אונטערטעניק.

צוווארפן ווי א הונט א ביין - דזוו ווארפן אאז"וו.

צוזאגן ווי א הונט האט געבילט - צוזאגן און ניט האלטן דאס ווארט.

קוקן ווי א הונט אויף א רבין - קוקן מיט ווונדער, שטוינען.

<u>ציטערן ווי יורקעס הונט</u> (<u>וואר: ווי א הונט אין קראפעווע</u>) -
שטארק מורא האבן.

<u>קוקן ווי אויפן הונט</u> - קוקן מיט ביטול, ניט רעספעקטירן.

<u>קלייבן ווי א הונט ביינער</u> - צונויפנעמען, קלייבן אלץ וואס
ס׳לאזט זיך זשעדנע.

<u>רייסן זיך ווי הינט</u> (<u>וואר: ווי צוויי הינט</u>) <u>איבער א ביין</u> -
קריגן זיך שטארק, ווערן איינער ביים צווייטן צונעמען.

<u>שווייגן ווי א הונט</u> (<u>ווער: ווי יורקעס הונט, ווי א מצרים=הונט</u>) -
שווייגן שטיל, פארשווייגן, ניט רעאגירן.

<u>שטיין ווי א הונט פאר זיין האר</u>(<u>וואר: אויף די הינטערשטע פיס</u>) -
זיין אונטערטעניק, זיך אונטערחנפענען.

<u>שלאגן ווי א הונט</u> - שטארק שלאגן און ווידערשטאנד.

<u>שנארן ווי דער הונט נאכן טשאלנט</u> - שטארק, געשמאק כראפען.

ב)

געשלאגענער הונט - וועגן עמעצן וואס האט שוין א סך
דורכגעמאכט, געליטן, געפרוווט.

משוגענער הונט - וועגן א שלעכטן און ניט-מיושבדיקן מענטשן.

פארביסענער הונט - וועגן א רשע, א בייזוויליקן מענטשן.

שווארצער הונט - (אייפעמ) וועגן טייוול, דעם סמך מם.

1881 " ער |ר׳ יוסף דילה ריינש| איז צו אים |צום ס"מ|
1326 טאקע געקומען ווי א העלד, פארשיידענע מיטלען האט ער מיט
זיך מיטגענומען דורך דעם צו באזיגן פריער דעם שווארצן הונט״
שאצקעס, 1, 98.

דער גרויסער הונט, דער קליינער הונט - (אפטראנ)
קאנסטעלאציעס פון דרומדיקן הימל.

הונט שבהינט |שעבעהינט| - וועגן זייער א שלעכטן מענטשן,
א רשע. |יידישע פארמע פון כלב שבכלבים|.

א־הונט מיט אויערן - ווערט זייער א שלעכטן מענטשן, א מנוול.

הונטס מחותן - (פעיא) ווערט זייער א ווייטן קרוב אדער איך גאנצן קיין קרובנישט, ווערט אן אומגעבעטענעם און אומגעווונטשענעם גאסט אויף א שימחה.

הונטס יארן - (פעיא) ,ייער אלט |לויט א.מ. דיק נעמט זיך דאס ווערטל, פון איינעם א פראסטאק וואס האט געזאגט אין תהילים אנשטאט "כי אלף דנים בעיניך" - "כלב שנים"|.

א הונט פון א יאר (פעיא) ווערט א בחור א בוגר, א איבערגעוואקסען עק.

הונט=טיירול - געניצט כלומרשט ווי א זידלווארט, פאקטיש געווענדט צו דעם ריידער אליין איך טאן פון באליידיקן זיך, פאר וואס מע ווענדט זיך ניט צו אים, מען איז אים מבטל.

% זאל ער מיר זאגן הונט=טיירול,אבער נישט אזוי, סתם ניט מאכן זיך ווינסדיק, האסט געבארגט ביי מיר געלט און נישט אפגעגעבן, מילא, אבער קום כאטש איך זאג,הונט=טיירול, אזוי און אזוי, כ'האב נישט... אויך מיר א קרוב - ער זאל עס א מאל פרעגן הונט=טיירול, וואס מאכסטו?

ג) פוול:

א מענטש רעדט, א הונט בילט – געזאגט וועגן עמעצן וואס
אויף זיינע רייד קען מען זיך ניט פארלאזן. (וואר: ער זאגט
און א הונט בילט (איז אלץ איינס).

עלעהיי א הונט האט געבילט – דזוו דפוו, אויך אויסצודריקן ביטול
וועגן רייד וואס ס'איז ניט כדאי זיי צו נעמען אין אכט,
זיך צו באליידיקן פון זיי, ווייל ס'איז ניטא פון וועמען.

א הונט איז ער טאקע, אבער מיטן וויידל ארויף – וועגן א שלעכטן
מענטשן און דערצו נאך א בעל=גאווה.

דער הונט איז ווערט דעם שטעקן – וועגן עמעצן וואס האט
געהאט א מפלה, האט געקריגן א שטראף, אן אנלערנונג, וואס
אים איז טאקע געקומען.

טו א הונט גוטס! – וועגן עמעצן וואס מ'האט געטאן א טובה,
אבער ער איז דאס נישט ווערט געווען, ער האט אפגעדאנקט
מיט שלעכטס.

זאל א חזיר וויסן וואס א הונט קען (וואר: זאל א הונט וויסן וואס א חזיר קען) - געזאגט מיט שאדן פרייד ביים ארויסקריגן עפעס ביי א קארגן מיט גוואלד, מיט כיטרעקייט.

ביסט זאט, גיב דעם הונט דאס מויל אפצולעקן - צו א קארגן

איך האב פון איטלעכן דארף א הונט - א קארטנשפילער זאגט עס, ווען ער האט (אדער מאכט אן אנשטעל, אז ער האט) פון אלע נייטיקע קארטן.

(מיט)גיין אויף א הונט און א בער - איינשטעלן, שפילן אויף אן אומזיכערער (קליינער) קארט און פארשפילן.

קומען די הינט צעטיילט - האבן א מיאוסן סוף.

א הונט זאל מיין הארץ אויסכאפן/אויפעסן, וואלט ער משוגע געווארן - געזאגט אין א זייער טרויעריקן מצב.

הינט װעלן שלעפּן גאַנצע קעפּ - (שפּאַסיק/ביטול) װען עמעצער

דערציילט גוזמאַדיק װעגן אַ גרויסער שימחה, צונויפקום, געשעענס.

ס׳איז (גוט) פאַר די הינט אַרויסצוגיסן/אַרויסצוװאַרפן. - ס׳איז

ניט גוט, ס׳טויג ניט, ס׳איז קאַליע.

נישטאָ/ניט געקומען קיין משוגענער הונט - ניטאָ/ ניט געקומען

קיינער (אויף אַ מסיבה, פאַרזאַמלונג.

ס׳איז ניטאָ קיין הונט אין דאָרף און קיין מויז אין הויז -

ניטאָ קיינער, ס׳איז פּוסט.

באַטש הינט צו טרייבן - געזאָגט װען אין אַ שטוב איז זייער קאַלט,

ס׳איז אַן עבירה אַ הונט אַרויסצולאָזן - װעגן זייער אַ שלעכטן

װעטער (ס׳רעגנט שטאַרק, ס׳איז זייער קאַלט אד"גל.

װוּ האָט אַ הונט אַ הויז? - װעגן אַן עלנטן, פאַרװאַגלטן מענטשן.

האָט אַ הונט אַ טאַטן? - דזוּר דפוּו.

אין הונטס מויל אריין! - וועגן א סאך וואס טויג ניט(ס'רוב
וועגן קאליע שפייז).

ס'איז אויפן/פארן הונט ארויסצוגיסן - דזוו דפוו.

ער איז אונטערגעשלאגן מיט הונט - (איר) וועגן א שלעכטן מענטשן.

ווארף אים א ביינט אין די אויגן אריין - וועגן א חוצהניק,
א גרויסן עזות=פנים.

דאס (דער/די) איז א הונט (א)קעגן (דעם, אים/איר אד"גל) -
געזאגט אין א פארגלייך, געמיינט, אז ס'איז גאר ניט צו
פארגלייכן, דאס ערשטע איז ווינציקער ווערט, אדער גאר
נישט ווערט אין פארגלייך מיטן צווייטן,

1888 " א קעלער איז דאס געווען נאר א גיהנום, און דער
מלאך=חבלה פול=און=פול מיט אויגן איז א הונט אקעגן לוי
בחור מיט זיין בלינד אייגל. איך אים זענען געלעגן
טויזנט רוחות |...|".

... " |...| דער שרייבער איז א הונט אקעגן אים".

שלום=עליכם, מנחם מענדל, מיליאנען.

און דאס (דער/די) איז א הונט? – און דאס(דער/די) איז גארנישט, האט גאר קיין ווערט נישט? און דאס דארף מען ניט נעמען אין אכט?

... " און א האניקטייגל איז א הונט?" –

שלום=עליכם, לכבוד יום=טוב !!, ז' 110.

... " און קעניג פיק איז א הונט?

שלום=עליכם, 23 (זומער=לעבן), ז' 258 (?250).

...........................................

רעד: געפינען און אויסרייטערן די ציטאטעס.

...........................................

בלעק איז א הונט קעגן אים – ווען א זייער שלעכטן מענטשן.

טאקע א הונט אבער אן צייך – ווען א שלעכטן מענטשן , וואס קען שוין קיין שלעכטס ניט טאן.

<u>ביסטו שוין א הונט, זיי זשע כאטש ניט קיין חזיר!</u> –

צו א שלעכטן מענטשן, וואס איז נאך ערגער פון א הונט.

<u>גיי דערצייל א הונט: סידילקעווער סליחה געדרוקט אין סלאוויטע</u> –

(<u>שפאטיש</u>) וועגן א פראסטאק, אן עם=הארץ.

<u>דערצייל א הונט פון משיחן!</u> –

<u>דער הונט איז צו קיין פלאדן ניט געוווינט</u> – <u>דזוו דפוו.</u>

<u>א מצווה – א הינט אין שמד</u> – (<u>איר</u>) וועגן עמעצן וואס

מע דארף אויף אים ניט האבן קיין רחמנות.

<u>הונט און קאץ</u> – וועגן צוויי וואס לעבן ניט בשלום, וואס

קריגן זיך.

<u>פאר א הונט צו קליין, פאר א קאץ צו גרויס</u> – וועגן עמעצן

וואס האט ניט קיין באשטימטע אייגנשאפטן, כאראקטער, וועגן

מאדנע מענטשן.

<u>ניט קיין וואלף ניט קיין הונט</u> - <u>דזוו דפוו</u>.

<u>פארפאלן הונט און בייגל</u>! - וועגן אן אנוועד, א שאדן וואס מ'קאן ניט פאררעכטן.

<u>פארבייסן מיט א הונט א ווייסן</u> - ניט האבן וואס צו עסן.

<u>ווי קומט א הונט דיין צו זיין</u>? - (<u>שפאטיש</u>) וועגן עמעצן וואס פאסט ניט צו דעם חשובן פאסטן, וואס ער פארנעמט.

<u>דא ליגט דער הונט באגראבן</u> - דאס איז די דערקלערונג פון דעם סוד, פון דער רעטעניש, פון א קאמפליצירטער פראבלעם.

<u>דא ליגט א הונט באגראבן</u> - אין דער זאך שטעקט עפעס, עפעס איז דא באהאלטן - עפעס, וואס איז נישט גוט, וואס מע דארף עס נאך דערגיין.

1911 " |אין| דעם שטייגער ארנטלעכקייט דיינעם <u>ליגט אפט א הונט באגראבן</u>, אן אומגליק פאר דיר".

<u>מענדעלע, קאנק 1076590., די קליאטשע,</u>

<u>הונט און שפונט</u> – אבי ווער, א ליאדע ווער, פראסטע מענטשן.

% עס האבן שוין צו טאן דערמיט <u>הונט און שפונט</u>".

... " דאך געשעט עס גאנץ זעלטן, און דאס אויך נאר דורך

פארנעמע הערן און דאמען, אבער ניט דורך הונט און שפונט".

<u>דיק</u>.

<u>יא א חתונה, ווי קומט אבער דער הונט דערצו?</u> – ווען

(א)מענטשן ניט אויף זייך פאסיקן פלאץ, וועגן אן

אומגעוו·נטשענעם גאסט,בכלל וועגן אומשייכות, אומפאסיקייט.

<u>צו דעם</u> (<u>וואר</u>: <u>אזא) דארף מען האבן א פסוק מיט א שטעקן</u> –

א) וועגן א בייזן הונט; ב) וועגן א מענטשן וואס טענות

און שטראפרייד העלפן ניט לגבי אים |מיטן פסוק מיינט מען:

לא יחרץ כלב לשונו|.

<u>הינט שפרינגען (אים) פון מויל</u> – וועגן א חוצפהניק, א הולטיי,

וואס פאלט אן אויף איטלעכן.

הונט האסטו געלט, זיי מײַן מחותן! - ווענן א מענטשן וואס איז
גרייט אנצובינדן פריינדשאפט,קרובישאפט מיט א שלעכטן,
אומערלעכן מענטשן, אבי ער איז רײַך.

מאכן מיט א הונט א קשר - דזוו דפוו.

ר'איז (שוין) א הונט פון א יאר - ער איז שוין נישט קיין קינד,
ער ווערט זיך שוין זײַן שטעטל באשטײַן, ער איז שוין א [illegible]
געפרוווטער,ער פארשטייט שוין אליין אלצדינג.

ער האט שוין א הונט אויפגעגעסן (אויף דעם) - דזוו דפוו.

אז מ'האט א טאטן א הונט, זאגט מען אים אפוידיאס! - אז דער
טאטע איז א שלעכטער, באציען זיך צו אים די קינדער שלעכט.

(רעג, עסטלאנד) אז דער הונט ווערט זײַן עק ניט הייבן, ווער
וועט פאר אים הייבן? - אז דער מענטש וועט זיך אליין ניט
העלפן, וועט אים קיינער ניט קענען העלפן.

אדער דער פריץ וועט פגרן אדער דער הונט וועט פגרן -

אויסדרוק פון האפענונג, וואס ז'זאל ניט געשען וועט ... זיין גוט. אויב נאר מע וועט האבן גענוג צייט אויצווווארטן. |דאס ווערטל איז געבויט אויף דעם אנעקדאט וועגן א יישובניק וואס האט געמוזט צוזאגן דעם פריץ זיינעם, אז ער וועט אויסלערנען רעדן דעם פריצס הונט, מע זאל אים נאר געבן גענוג צייט, מ'האט דעם יידן געפרעגט: ווי קאן דאס מיגלעך זיין, האט ער געענטפערט: אויסלערנען רעדן דעם הונט וועל איך טאקע ניט, אבער פאר דער צייט וועט אדער דער פריץ פגרן אדער דער הונט|.

אז דער הונט האט געכאפט דעם בייגל, זאל ער שוין כאפן דעם סידור סידור אויך - דער וואס וויל האבן פארגעניגן, זאל אויך האבן די טירחה, וואס איז דערמיט געבונדן. ...

זאל זיך א הונט נישט פארגלוסטן קיין המן=טאשן, אז ער הערט ניט די מגילה -דזוו דפוו.

א הונט אויף זעקס פיס - וועגן זייער א בייזן מענטשן, א רשע.

דעם קצבס הונט - (אקטיאריש) " א מאנאלאג, א סצענע

אדער א פיעסע וואס איז צו לאנג, אויף וועגן אן אנעקדאט".

|שווייד, אקטיארן שפראך, פער 155 ,!!ץ/31|.

"אויסגעבילט - אוןווידער הונט" - (לאקל סאניק) בנב.

זאג הונט, טייוול, מענטש, אבי רעד א ווארט! - מעגסט זאגן

וואס דו ווילסט, אפילו ניט=ניחאדיקע זאכן, אבי שווייג

ניט, באהאלט ניט דעם פארדראס ביי זיך אין הארצן.

די ווייב אויקעט, דער הונט קאנויקעט, דאס קינד כליפעט

און דער דלות ריפעט - וועגן זייער א שלעכטן מצב,

וועגן ארעמקייט.

ווען איז ביי א הונט א יום=טוב? ווען מע צעברעכט אים א פוס-

פאר וואס? ווייל דעמאלט בלייבט ער ביי שלש רגלים. -
לומדישער שפאס איבער אן ע ם=הארץ וואס צעדרייט לשון=ווערטער
געבויט אויפן ווארטשפילרגלים(=פיס) און רגלים("שלש רגלים",
די דריי יום=טובים פסח, זבועות און סוכות).

גלייבענישן:

אז א הונט וואיעט איז א סימן אז עמעץ איז געשטארבן(וואר:

"... איז א סימן דער מלאך=המוות דרייט זיך ארום.דא נאענט).

קללות:

לעב הונטס יארן! הונטס יארן און ציין זאלסטו האבן!

די הינט מעגן/זאלן אים (זי, דיך) ארומשלעפן!

ביל ווי א הונט, בלייב אן געזונט; ביל |?| ווי א קאץ,

בלייב אן א הארץ! |סטוטש 559|.

שור:

א הונט בלייבט (שטענדיק) א הונט (וואר: געלט גייט אוועק און

הונט בלייבט הונט).

אלע הינט האבן איין פנים. א הונט מיט א גלעקל האלט זיך איין גרויסן.

א הונט וואס בילט, בייסט ניט.

א לייטישער הונט דארף ניט קיין מוישלאס.

אז מע לייגט זיך (שלאפן) מיט א הונט, שטייט מען אויף מיט פליי.

אז מע האט א טאטן א הונט, מעג מען אים זאגן: א פודזשעט.

אז מע גיט א זעץ איין הונט, וואיען אלע.

בעסער א לעבעדיקער הונט איידער א טויטער לייב | דאס שוו גייט
| אויך פארקערט

א הונט גייט מען אויסן וועג.

ניט אזוי ארעם ווי א הונט און אזוי רייך ווי א חזיר.

ווען דו האסט א שטעקן, טענה ניט מיטן הונט.

אז מע וויל א הונט א זעץ טאן, געפינט מען שוין א שטעקן.

דער ערגסטער הונט כאפט דעם בעסטן ביסן (וואר: דעם ערגסטן
הונט קומט אן דער בעסטער ביסן).

צווישן א סך הינט ווערט דער האז טויט.

אז מען איז אליין אונטערגעשלאגן מיט הונט, דארף מען ניט קיין פעל.

פון א הונט קען מען אפילו קיין גוטן פעלץ ניט מאכן.

ווייז א הונט איין פינגער, וויל ער די גאנצע האנט.

טו א הונט גוטס, בילט ער נאך.

א הונט שיקט מען ניט אין יאטקע אריין (נאך פלייש).

א הונט האט מורא פאר א שטעקן און א רוח פאר ציצית

וווּ מע ווארפט (נאר) א שטעקן געפינט מען א הונט.

מיטן בעסטן הונט איז ניט גוט קיין עסקים צו האבן.

א הונט טאר קיין דיין ניט זיין.

ניט יעדער אויף וועמען א הונט בילט, איז א גנב.

איטלעכער הונט אויף זיין גרונט.

יעדער הונט איז אויף זיין מיסט. (וואר: יעדער הונט איז ביי זיין, טיר א בעל=הבית, און יעדער חזיר מיינט, אז זיין בלאטע איז טיפער.

לאז א הונט אויפן באנק, קריכט ער אויפן טיש.

א הונט קאן ניט פארגעסן ניט זיין בילן, ניט זיינע ציינער.

פאר א געשלאגענעם הונט טאר מען קיין שטעקן ניט ווייזן.

א הונט שיקט א הונט, א רב שיקט א רב.

ס'איז ניטא קיין גוטער הונט.

אז דער הונט האט זיך אויסגעבילט/אויסגעבולן, הערט ער אליין אויף.

א הונט פון א יאר בילט ניט.

טו א הונט גוטס, בילט ער(נאך).

א הונט לאזט מען בילן און מע גייט זיין וועג. (וואר: אוועק).

איטלעכער הונט אויף זיין גרונט.

דער הונט בילט און דער פריץ פארט.

דער הונט כאפט א בייגל ביים בעקער - דער הונט בלייבט הונט
און דער בעקער בלייבט בעקער.

צו א בייזן הונט א קורצע שטריק.

דער וואלף האט ניט מורא פארן הונט, אבער ס'געפעלט אים ניט בילן.

נאר א הונט האט קיין חובות ניט.

ווען א הונט בילט, קריגט ער מיטן שטעקן, ווען ער קאנויקעט, קריגט ער א ביין.

מע זאל טרייבן א הונט מיט א שטעקן, וועט ער אויך ניט גיין.

א הונט אן ציין ווארפט זיך אויף א ביין.

א הונט טאר קיין קצב ניט זיין.

וואס מע טוט דעם הונט איז ניט גוט.

~~א הונט האט א לאנגע צונג און קאן ניט רעדן; א מענטש האט א קורצע~~

א הונט האט א לאנגע צונג און קאן ניט רעדן; א מענטש האט א קורצע צונג און טאר ניט רעדן.

דריי קענען ניט לעבן אין שלום: ווייבער, הינט און הינער.

א זון איז דאס געזונט, א טאכטער איז א קינד, א שנור איז
א ווינט, אן איידעם איז א הונט.

ווי הינט בילן, איז א מושב.

דער הונט לאזט (מיך) צום פסוק ניט קומען.

אז מע ריכט זיך אויף א גרויסן עולם, קומט קיין הונט ניט.

א בחור טאר קיין שדכן ניט זיין און א הונט טאר קיין קצב ניט זיין.

פארן הונט א ביסן, פארן אקציזניק א נקבה.

א הונט פון א יאר בילט ניט.

אויף קליינע קינדער פאלט קיין הונט ניט אן.

דער טאטע א וואלף, דער זון א הונט.

א הונט אנטלויפט ניט פון קוילעטש.

ווען פרומקייט זאל זיך אריינכאפן אין א הונט אן אלטן, וואלט
ער אויך געקענט אין קלויז פארוואלטן.

נישא אזוי ארעם ווי א הונט און אזוי רייך ווי א חזיר.

בעסער א הונט אין פרידן ווי אזעלנער אין קריג.

יעדער הונט האט זיך זיין קצב.

א הונט אויף צוויי פיס איז געפערלעכער ווי אויף פיר.

דער הינט בילט און דער ווינט טראגט.

א הונטס בילן הערט מען נישט אין הימל.

אז א הונט איז געטריי דעם בעל=הבית, ווייסט ער פאר וואס.

די הינט מיינען, אז מיטן בילן פארטרייבן זיי די לבנה.

ווי אזוי דער פריץ האלט דאס הינטל, אזוי האלט ער דאס גאנצע געזינדל.

אליין פריץ און אליין הונט איז א לעבן אן געזונט.

א הונט אן ציין איז אויס הונט.

צווישן א סך וועלף איז דער הונט טויט.

אז אן אלטער מאן נעמט א יונג מיידל, איז ער ווי א הונט
אויף א וואגן היי.

פון א הונט זאלסטו זיך היטן פון פארנט, פון א פערד פון הינטן
און פון (שלעכטן) מענטשן פון אלע זייטן.

א הונט אן א קייט איז ווי א פאסטעך אן א פייפער.

א הונט אין בודע פילט זיך ווי אונטער בעטגעוואנט.

אז דער קצב גייט אוועק, שפרינגט דער הונט אויפן קלאץ.

אלע הינט און אלע יוונים האבן איין פנים.

דער הונט ווי דער הונט, אבער די הינטישע משפחה...

ם הונד/הונט.

-----> 1.

... " כלבי - דעך הונדן, ל׳ כלבים".

1047 רייכלין 8, איוב, ל - א.

1679 " אביר בייא אלין קינדר ישראל זאל ניט איין הונט,

1051 איינן אך בילן, עז זייא אך מענש אודר פיך".

בליץ, שמות, יא - ז.

1743 " |...| דער הונד האט ניט ווען אפ וויכן פון דאז

1057 הויז אונ׳ איך אלי ווידר צו דעם הויז קומן".

קב הישר, דף לז - 3.

-----> 2.

1544 " דוא מיינשט איך דיינם זין איך זייא איין שלעכטר הונט//

999 דוא קומשט מיט איינם שטעקן אונ׳ ווילשט מיך מאכן וואונט".
שמואל=בוך, סטר׳ 358.

211 ה-

(?נ?) ה הֿ נ ט בּ בֿ ס קּ רו י ט - <u>דער, =ן</u>. |<u>סטוטש 258</u>|.<u>בנב.</u>

ה ו נ ט ג ר א ז - דאס, בא. |סטוטש 250|.(באט) געוויקס

(ווסנ                    ) פון דער משפחה

נאכטשאטנדיקע.

...........................................................

| רעד: ניט זיכער אין אויסטייטש, איך נעם דאס פון פויליש: |
| ............. |

...........................................................

213 ה־

(?ב?) ה ו נ ט ד א ק ט א ר - דער, ~ דאקטוירים |סטוטש 427|.

וועטערינאר וואס היילט הינט.

(?ב?) ה ו נ ט י ן[ם] - די. די זי פון א הונט; הינטיבע.

|1474 ?| " דש איינר ורויאן דש קינט אפ גיא גיב איר

1376 צו טרינקן מילך פון איינר הונטין אין ויין אודר

אין הוניק זא גיט איר דש קיכט אפ".

כ"י ס' הרפואות.

ה ו נ ט י ק - אדי/אדוו. (שנש) דזוו הינטיש, ב'2.

1956 " |...| דאס געמיט שווארץ און הונטיק".

1377 גלאטשטיין, 1, 283.

ה ו נ ט ל א ך - די, ~ לעכער. נארע, גרוב ווי ס׳לעבט אן עלנטער הונט.

ה ו נ ט ל ע ד ע ר – <u>דאס/די, בא</u>. לעדער אויסגעארבעט (?נ?)
פון דער פעל פון הינט.

<u>רעד:</u> ניט זיכער אין אויסטייטש. אין קארטל איז אנגעגעבן
דער נומער 128. ביי סטוטשקאוון אין דער גרופע
128 נישא דאס ווארט, אויך ניט(אפשר א טעות)
אין 218 און נישט 281, [illegible]

ה ו נ ט מ י ל ב - די, =ן. |סטוטש 247| .(זאאל)

אינסעקט, געגויער בנב.

ה ו נ ט = מ ש ו ג ע ת |מעשוגאס| - די ,בא. הידראפאביע.

ה ר נ ט ס ו ר א ט - ----→ **הונצוואט.**

ה ו נ ט ס ק א פ – דער, ~ קעפ. א זידוואַרט פאר

א שלעכטן מענטשן.

1941 " און ער |אבנר| האט געזאגט: בין איך דען א

1355 הונטסקאפ פון יהודה?".

תרגום יהואש, שמואל ב׳, ג – 8.

1378 (?נ?) ה ו ב ט ע ו ר ד י ק – " וו י א הונט" |קטוו|.

(?נ?) ה ו נ ט ע ו ו ע ן - אוטוו. "פירן זיך ווי א הונט, הינטיש" |קטוו|.

% "ער הונטעוועט מיטן ווײדל" |קטוו|.

ה ו נ ט פ י ש - דער מצ דז. (זאאל) ים=זויגער,פ̄אקע,

(ווסב )

..................................................

רעד: ניט זיכער איך אויסטייטש, איך גיב עס לויט

פויליש.

..................................................

ה ו נ ט - פ ל י ג  –  די, =ן. |סטוטש 247|.

אינסעקט, גענויער בנב.

ה ו נ ט צ א ן - דער, ~ ציין. (באט) געוויקס, גען בנב.

....................................................

רעד: מארק ווב 751 טייטשט עס פון פוילישן

איך אונדזער פויל ווב ניט געפונען אזא ווארט. זוכן

איך פריערדיקע פוילישע ווב (קארלאוויטש?)

ביי סטוטש 250 ניטא, אפשר דזוו הונטצינגל?

....................................................

ה ו נ ט צ י נ ג ל - דאס, =עך. (באט) געוויקס
(ווסנ) פון דער משפחה דיקבלעטערדיקע

רעד: מארק ווב 661,ער טייטשט עס (זייך אייגענער טערמין?)
פון פוילישן , בא סטוטשקאווון 250 דא הונטגראז,
איז דאס אייגענע?

(?נ?) ה ו נ ט ק אַ מ ע ר - די, =ן. בודע, שטיבעלע פאר א הונט.

**רעד:** ניט זיכער אין אויסטייטש. אין קארטל ניטא קיין מקור און קיין שום אנדער אנווייז.

ה ו נ ט ק ו י ל  -  די, =ן. (באט) טראפיש געוויקס

(ווסנ ) פון דער משפחה מיטן זעלבן נאמען.

| |
|---|
| רעד: מארק ווב 1298 טייטשט עס פון פוילישן איז זיין אייגענער טערמין? |

(?נ?) ה ו נ ט ר ו י ז - די, =ן. (באַט) געוויקס, בנב.

| |
|---|
| רעד: איז קאַרטל ניט קיין שום מקור, ביי סטוטש 250 ניטא. |

הונטשוואם – דער/די, =ען. (פטמ) זגאל פון שוואמען, גענויער בנב.

... "איפן הויף אונטער דער שאפע איז א קעסטל געשטאנען,

1367 ווי אלע פון הויף האבן וואסער געגאסן – הינט, אויך!

דערפון איז ארויס א שוואם... נישט קיין הונטשוואם,

נאר א שוואם מכל המינים שהוא".

פרץ, דער "כל=בו".

רעד: ביי סטוטש 250 ניטא

ה ו נ ט ש ל ע ג ע ר - -----> **הינטשלעגער.**

ה ו נ ט ש מ א ל ץ - די/דאס, בא. פעטס פון א הונט.

............................................

רעד: ניט זיכער אין אויסטייטש, אין קארטל איז דא:

"ליטייניש: שס ראמאן, רומעניע.

............................................

234 ה–

ה ו נ ט ש פ אַ ן – דער, =ען. א גרופּע הינט איינגעשפּאַנט
אין א שליטן געניצט אין די אַרקטישע לענדער.

1935 "קאַיור – אַן אָנשמייסער פון א הונטשפּאַן, ער איז
1375 אויף דער וועגוויַיזער".

פּיוועגשטיין 1.

ה ר נ י <u>א</u> ו ר ע - <u>אדי.</u> "פאנפעוואטע, וואס רעדט אוננער דער

נאז" |<u>קטוו|.</u>

(?נ?) ה ו נ י א ד ע = וו א ס ע ר - דאס, בא. (עלט, רעג אונגערן)

א זגאל פון מינעראל=וואסער.

1965 " 'הוניאדע וואסער' |...| דאס איז א מינעראל=וואסער

976 פון אונגערן, ס'האט א זייער ביטערן, טעם; ווירקט שנעל

ביי א פארשטאפטן מאגן. |...| מען האט דאס מינעראל=וואסער

א נאמען געגעבן אויפן נאמען פון אונגערשן גענעראל הוניאדי

יאנאס, וועלכער האט געלעבט פון יאר 1387 ביז 1456

און האט געפירט זיגרייכע מלחמות קעגן די טערקן".

מ. אונגער, פער 69, 18/X.

ה ו ב י א ו ו ע ן  - אוטוו. "פאנפען, רעדן אונטער דער נאז".

|קטוו|.

ה ר נ י ע ו ר א ט ע - אדי. א ביסל פאנפענדיק, אונטער דער נאז.

1930 " עזריאל קוזמינעצער |...| נעמט שרייען מיט א הונייעוואטע קול |...|". 977

רויטענבלאט, 3, 76.

ה ו נ צ ו ו א ט - דער, =ן.

1. מנוול, אויסוואורף, לאבוז, טויגעניכטס.

1932 " דו הונצוואט דו איינער, // דו וויסטע קאנאליע".

979 נאדיר, 5, 58.

1958 " מען זאגט, אז דאס איז איר געקומען פון א ליבשעניש.

1387 עפעס א פרייסישער גראף האט איר צוגעזאגט זי נעמען,

און דער הונצוואט האט זי אויסגעשיט".

ב. רעסלער, פער 9, ראש=השנה=נומער, ז' 53.

2. " מין שוועמל" |קטוור).

3. (לאקל טארנע) א מין קנעפל אדער א צוועקל איבערן קנאפל פון

שטיוול".

|פער 92, נ' 14|.

% "כ'וועל דיר ברענגען ס'טעצל פון הימל און א מעשענעם

1390 הונצוואט (צוזאג צו קינדער)" |דצוו|.

4. (לאקל וולאצלאוועק) "דאס שטיקל לעדער, וואס מ׳נייט אן
אויפן טילעק כדי אנצומאכן אויף דעם די שפארנעס פארן
רייטער".
|ש. ווינטער, פער 162, 419|. 1394

הונשפוט.

1.

1732 " דא שפראך איינר אויז דער קומיסיאן: הונשפוט,
האשטו דיר קיין אנדרן ליגן קענן אויז טרכטן אלש דיזש |...|". 980
פראגער פאמיליען=מגילה.

ה ו נ ק ע | ווייכער ג | - די, =ס.

1. (רעג, אוקר). פויערישער מאנטל פון דיקן געוואנט,

מין סערמיענגע.

2. (רעג וור) מין דעקע פון דיקן געוואנט פאפאנע. 981

% דער פורמאן האט איבערגעדעקט דעם וואגן מיט א גרויסער הונקע".

ה ו ס - -----> **הוסט.**

ה ו ס א ר - דער, =ן. דזוו הוזאר.

ה ו ס ט ! - דער, =ן. פּפּ (פּטמ) הוס. אקט אדער רעזולטאט
פון הוסטן.

% טרוקענער/פייכטער הוסט. האבן/קריגן א הוסט. פארגייין
זיך אין א הוסט.

1815 " צום הוס איז זייער גוט מיטל צוא עסן אלע טאג
עטלכי רוגן פון הערינג אויך סעלצער וואסער מיט 1426
הייסר מילך גמישט איז זייער געזונט צום הוס".
תעלה ארוכה.

1910 " א מלמד זיצט אין חדר.// שרעקלעך איז דער הוסט".
פרוג, 2, 25. 1447

1935 " זי האט גערעדט מיט א סווישטשענדיקן הוס |טעקסט:היס|".
נאדיר, 8, 79. 1408

1948 " אים איינהאלטן געוואלט האט זיך דעם אטעם און
דעם הוסט,אז עמעצער ארום זאך זיי צו מאל דא ניט דערהערן". 1416
מארקיש, 9, 32.

ד

דער הוסט כאפט אן/פאלט אן/ באפאלט – הייבט זיך אן פלוצעם.

|1898–1899| " אז מיך כאפט אן דער הוסט, איז טאקע סכנות נפשות",

1418 פרץ, 7, 41.

אויסבייטן א הוסט אויף קדחת – אויסבייטן איין שלעכטע זאך אויף נאך אן ערגערער.

א הוסט אין א קרענק – א נייע צרה אין א פון פריער שלעכטן מצב.

נייטיק ווי א הוסט אין א קרענק – ניט נייטיק, איבעריק.

פארגייען זיך אין א הוסט – הוסטן לאנג ניט קענענדיק אויפהערן.

246 ה ו ס ט II - דער, =ן. (דיאל, וור) גוסט, געשמאק.

ה ו ס ט ל - <u>דאס, =ען.</u> <u>אויך</u> <u>הוסטעלע=ן</u>.

1. <u>פקפ</u> א לייכטער הוסט, ניט הויך, ניט שטארק.

|1931-1926| " איר זעט אויס לא=עליכמדיק, און דאס <u>הוסטל</u>

1428 אייערס הייבט מיר ניט אן צו געפעלן".

<u>אפאטשאטו, 15, 278</u>.

1968 " טאבטשע האט זיך פארהוסן |...| צום ערשטן לייכט,

1427 איינצלנע <u>הוסטלען</u>, דערנאך אלץ גערדיכטער און מער".

<u>ב. דעמבלין, יזב 2, 667</u>.

2. א כלומרשטער, אומיסטנדיקער לייכטער הוסט, ס׳רוב צו

געבן א סימן אז מ׳איז דא, צו ציען דעם אויפמערק.

1888 "|...| ארויסגעגעבן פון זיך זיפצעלעך, <u>הוסטעלעך</u>,

1427/1 |...| ביז די שוויגער האט זיך ארומגעקוקט".

<u>מענדעלע, 3, 194</u>.

~~1929 ===" אלע האבן שדין צו פבל געדרבט מטמ ננ אקפל אזז~~

248 ה–

1929 " אלע האבן שוין צו פיל געדרייט מיט די אקסל און

ארויסגעלאזט דינע געשניצטע הוסטעלער, אזעלכע הוסטעלער 1427/2

וואס געבן צו וויסן, אז מ'איז דא, אז מע ווארט".

מארקיש, 4, 263.

249 ה–

הוסטלען – אוטוו. הוסטן לייכט, ניט צו שטארק (ס'רוב געמיינט אומיסטנדיק, ניט צוליב קראנקהייט), ארויסגעבן א הוסטל(ען).

% ער הוסטלט שטיל, מע זאל וויסן, אז ער איז אריינגעקומען.

1945 " האבן ווייבער פון פלייטן פארשיכורט געהוסטלט".

באריישא 3, 311. 1460

ה ו ס ט ן - <u>אוטוו.</u> <u>פפ̄</u> <u>(פטמ)</u> <u>הוסן</u>, <u>פאר</u> <u>געהוסט</u>.

מיט ספּאזמאטישע שטויסן ארויסאטעמען די לופט אין רעזולטאט

פון קרענקלעכע שטערונגען אין די אטעם=ארגאנען.

% ער האט א בראנכיט, <u>הוסט</u> ער כסדר. <u>הוסטן</u> מיט לייכעץ.

די שווינדזוכטיקע <u>הוסטן</u> מיט בלוט.

1864 " |עס| איז גאר לעבן אים ניט איינצוזיצן: דאס <u>הוסט</u>

ער און דאס גרעבצט ער, איך האב נאך אזא אומצוכט אין 1435/1

מיין לעבן ניט געזען".

<u>דיק, 64</u>.

... " נא דיר גאר <u>הוסטן</u>! קראנק געווען אין דער היים

זיך אויסהוסטן?". 1435

<u>שלום=עליכם, 5א, 28</u>.

1928 " ווי אזוי די גריפּע ווערט פארשפּרייט, איז אונדז

גוט באקאנט. אזוינע חולאים <u>הוסטן</u> שטארק און ניסן אפּט". 1435/2

<u>פער 151, נ׳ 11</u>.

1968 " זי האט א הוסט געטאן און גלייך נאך איינעם, און

1442 איידער נאך זי האט צייט געהאט א טראכט צו טאן, אז

ס'קומט', איז איר שוין געוועזן ענג אין האלדז".

ב. דעמבלין, יזב 2, 650.

17 שוו:

אז דער אורח הוסט, פעלט אים א לעפל.

ם

הושטן.

|?1474| " פר דען הושטן. איש |=עס| גזוטן קנובלוך אז הייש דו

1445/1 אין ליידן קנשט".

כ"י ס' הרפואות".

1728 " ווען א יבר זער אויז ווערפט אין הושטין".

1445 סגולות ורפואות, דף כ"א.

ה ו ס ט ע נ י ש – דאס, בא. דאס הוסטן א סך, כסדר.

1925 " עס הייבט זיך אן א הוסטעניש – ביז צום אויסשפּייען

1451 די אנגעשטויבטע לונגען".

גלאזמאן, 1.

ה ו ס ט ע ר  –  דער, =ס/מצ דז, פּפֿ (פטמ) הוסער.

דער וואס הוסט (ס׳רוב ווענן עמעצן וואס הוסט כסדר).

1924 " צוליב פארהיטן דאס געזונט פון די ארומיקע, דארף

1455 יעטוועדער הוסטער אפהיטן די אלגעמיינע כללים פון

ריינטלעכקייט און ציכטיקייט".

פער 151, נ׳ 2.

1972 " די אנדערע זקנים קוקן ברוגזלעך אויף דעם הוסטער,

1454 און אים אליין איז אויך ניט ניחה, הלמאי ער האט זיך

ניט געקענט איינהאלטן".

גראדע, פער 155, ז̅א̅!/17.

(?נ?) ה ו ס ט פ ל ע צ ל - דאס, =ער. (אמ?) טאבלעטקע צום הוסט |אהרן|.

................................................................

רעד: וועבסטער דערקלערט "קליינע טאבלעט(קע) צום הוסט". פון ווען איז טאבלעט(קע) א פלעצל? פלעצלעך באקט מען איף פרייטיק און מען עסט... פאר וואס נישט פראסט:הוסטטאבלעט(קע)?!

................................................................

ה ו ס ט = צ ו ק ע ר ק ע / צ ו ק ע ר ל  -  דאס/די, =ער/=ס.

צוקערקע צו לינדערן דעם הוסט.

1935 " ער עסט הוסט=צוקערקעס".

1457 נאדיר, 8, 223.

ה ו ס י א נ א ! - אינט. אויסרוף ביים פארדרייבן א גאנדז.

1957 " אפרים האט נאכגעשריגן דעם קינד |...| 'בערטשע, בערטשע! א הוסיאנא, א הוש!".

קארן 6, 65.

ה ו ס י ט - <u>דער, =ן.</u> אנהעגער פון טשעכישן רעפארמאטאר
און פרייהייט =קעמפער יאן הוס (פארברענט אויפן שייטער=הויפן
אין יאר 1415).

1973 " אין יאר 1420 האט מען באשולדיקט די יידן, אז זיי
שטיצן די <u>הוסיטן</u>=באוועגונג, וואס האט דערקלערט א הייליקן 1464
קריג דער קאטוילישער קירך".
<u>יזב 16, 153</u>.

ה ו ס ל י ע – די, =ס (ס'רוב אין מצ) אמאליקער רוסישער מוזיקאלישער פאלקס=אינסטרומענט.

1939 "מיר'ן שוין ניט אויפוועקן |...| ניט מיט הוסליעס

1465 מיט פריילעכע, ניט מיט קיין הארפעס מיט שפילנדיקע |...|".

פער 42, 46.

ה ו ס ע נ י צ ע - די, =ס. די רויפע פון אן אינסעקט.

1940 " מורעשקעס דריי=פיר// ארום א הוסעניצע הארעוועץ

1468 א גרינער".

אליעווסקי, 2, 21.

ה ו ס פ ה |הויסאפע| – די, =ות |הויסאפעס|.

1. צוגאב, צולאג, דערגאנצונג.

% הוספה צו א געזעץ. דער מחבר האט צוגעגעבן עטלעכע הוספות אין דעם צווייטן ארויסגאב פון בוך.

1917 " די ווייטערדיקע אנטוויקלונג פון דער וויסנשאפט

1476 באשטייט אין דעם, וואס מע טראגט אריין |...| אלערליי הוספות, באגרענעצונגען און פארענדערונגען ".

זשיטלאווסקי, 7, 10.

1922 " |...| דערפאר איז ניטא קיין הוספה פון מסדר |...|".

1487 איבן זאלקינד, 4, 223.

1951 " א מאל ווערן |די ביכער| געדרוקט ווי הוספות

1470 אין אזעלכע ספרים, וואס זיינען גאר ווייט פון מליצה און שירה".

י. שאצקי, פער 106, 723.

2. (ספעציעל וועגן געלט ענינים) צוגאב.

% די ארבעטער פאדערן א לוין=הוספה.

1898 " ביי די פריצים האבן יידן געקאנט אוועקוויינען

|אין די קרעטשמעס| צענער יארן אן א הוספה". 1473

ל. מארגענשטערן, 2, 51.

|1931-1926| " וואס זאגט איר אויף גרינען? - געקריגן

א צענערל א הוספה". 1479

אפאטאשו, 7, 6.

1962 " די קליינע הוספה פאר די ארבעטער איז ניט געגעבן

געווארן אין די שכירות |...|". 1479

פ. קענסטאן, פער 166, 15/IV.

ה ו ס פ ה ד י ק |הויסאפעדיק| – <u>אדי.</u> וואס איז צוגעגעבן;

צוגאבלעך.

% <u>הוספהדיקער</u> טעקסט. <u>הוספהדיקע</u> באמערקונגען.

1957 " מען זאל דריי מאל אויסזאגן דעם גאנצן תהילים

און צו דעם <u>הוספהדיקן</u> מאל מוזן זיין אלע". 1488

<u>איבז אנ, ליקוטי דיבורים,ז' 440.</u>

ה ו ס פ ה = כ פ ל ע ר |הויסאפּע=קײפּלער| - דער, =ס.

(מאט) בנב.

|סטוטש 54; טערמ׳ אלג׳=אריטמ׳, די נײע שול, ווילנע 1920;

ז"ז 7 - 8|.

264 ה-

ה ו ס פ ה = ש ט <u>י</u> י ע ר - <u>דער, =ן.</u> צוגאבלעכער שטייער.

1924 " עס קומט א פאראָרדענונג אויפצומאנען דעם

1495 הוספה=שטייער, אז ניט, איז אויסמשכונען".

<u>י. מארק, פער 169 א.</u>

ה ו ס ק ע - די, =ס. (ס׳רוף אין פֿקפֿ הוסקעלע - ך).

(רעג אוקר) "א בולקעלע, ניט קײלעכיק נאר לענגלעך " |קטוו|,

הופיק

הופיק - <u>דער, עס.</u>

1. (<u>באט</u>) " א מין ווילדע רויטע ביטערע פרוכט, ווי אן ארבעס די גרייס"|<u>קטוו</u>|.

1496-1498 % <u>הופיקעס</u> פלעגט מען אויפציען ווי קרעלן און באצירן .... דערמיט די סוכה"|<u>קטוו</u>|.

> <u>רעד</u>: לויט אן אנדער אינפארמאנט זעט אויס די פרוכט דווקא ניט קיילעכיק נאר אין דער פארעם פון א באר.

2. (<u>פיג</u>) "אן איינגעשפארט שלעכט קינד"|<u>קטוו</u>|.

3. (<u>פיג</u>) "א חוצפהניק, איינער וואס שפרינגט אקעגן|<u>קטוו</u>|.

ה ו פ ן  - ------> היפן/היפען.

(?ב?) ם הופּ(פּ)ן - <u>אוטוו</u>. היפען, אונטערשפרינגען.

1510 ... "מקפץ - <u>הופּט</u>" רייכלין 8, שיר השירים ב-ח.

1697 "דרום מושט זיא |די קרא| זיך אן נעמן צו <u>הופּפּן</u>//

1502 אונ׳ מיט דען פישן איבער זיך צו שופּפּן".

<u>ס׳ משלים, דף י.</u>

ה ו פ ק ע - ----> הובקע.

ה ו ף - דער, =ן. (עלט? דטשמ) קאפיטע (פון א פערד, אייזל אד"גל).

1928 " קלאפעריי פון פערדישע הופן און געשריי פון רייטער טראגן זיך פון ווייט". 1501

סעקלער, 4, 116.

(?נ?) ם הוף – די, קאפיטע. מה"ד:

... " ער |דער לייב אין שלמה המלכס שטול| שטיש אים׳ די

2058 לעגדן איף די הוף, // דש ער ניכט מוכט שטיין אוף".

מגילה מינכן, מ/ 87א.

....................................................

רעד: אין מאדערנעם יידיש איז נאר געבליבן "הופנאגל" – טשוועקלעך ארויפצושלאגן די פידקאוועס אויף די קאפיטעס פון א פערד.

....................................................

(?נ?) ם
ה ו ף - דער. אויער=סאווע.(ווסנ

דייטש:

... " הינשוף -דר הוּאַ". רייכלין 8, ויקרא יא-יז.

2067 |תי: שטאקאייל|.

273 ה–

הופּאײַזן - דער, =ס/מצ דז. (עלט) פּידקאווע/ פּאָדקאָווע

1872 " און אירע פערד ווארן מיט הופאייזן

|טעקסט: הויב אייזן| באשלאגן". 252/1

צאינה וראינה, 3, הפטורת בשלח.

הוב אייזן ◻ מה"ד: קאפּיטע=

1711 " אונ׳ דיא שטערן מיוזטן דיא הוב אייזן פון דיא פּ

252/2 פפערדן גאר הייס אז איין פייאר |...|".

צאינה וראינה, 2, דף ס"ו.

1791 " סעסטי רפואה איזט פר קינדרן וועלכי עין הרע

1508 אדר בשריאן זיין ווארדין מן זאל אברייסין פון איינם

פפערד איינם הוף אייזן אונד ג׳ פעמים אב לעשין איין

וויין עסיק דא מיט דש קינד בערויכן כמה פעמים".

אורחות חיים |...|.

(?נ?) ם ה ו פֿ ל - דער? =ן. די באק (פון פנים).

... " רקתך - דין ההפלן".

רייכלין 8, שיר השירים, ד- ג.

ה ו פ ל א ט י ק – דער, |עס?| (באט) געוויקס, מין קרייטעך (ווסנ)

פון דער משפחה קארבבלומיקע (

.............................................

רעד: דעם אויסטייטש גיב איך לויטן אנווייז פון קארטל, אז דאס איז דאס פוילישע (

1891 " אויך איז די ערד |מערגל=באדן| גוט פאר פארשידענע

1499 מינים ווילדע געוויקסן, ווי הופלאטיק, בראמבערע וכדומה".

וועבער, 1, 16.

ה ו פּ נ אָ ג ל – דער, ־ען נעגל, פּפּ: הופּנאל.

ספּעציעלער טשוואק אריינצוקלאפּן פּאדקאוועס.

ה ו פֿ נ אַ י ל |וו י י ע ר ל| - דער, =עס. דזוו הופֿנאַגל.

(?נ?) ם הופֿ (ע) - די, =ן. הויפן (זשמעניע).

1507 ... " ציבורים - הויפן".

רייכלין 8, מלכים ב׳ י - ח.

01176

ה ו ץ! - אינט. אויסרוף צו א שפרונג, א לויף.

... " האט זיך דאס קריגל |...| געשטעלט פאפעריק, און

די מילך - הוץ איבערן גאנצן אויוון". 1518

שלום=עליכם, דערצ׳ "דאס טעפל".

ה ו צ א ה |הויצאע| - די, =ות |הויצאעס|.

1. ס'רוב איך מצ די סומע געלט, וואס מע פארניצט אויף איינצושאפן זיך עפעס אדער אויף א באדינונג.

% דעקן די הוצאות. פארשרייבן די הוצאות. נייטיקע הוצאות. האבן גרויסע הוצאות. די הוצאות אויף צו רעמאנטירן דאס הויז, האט געדעקט דער בעל=הבית.

1843 " זיא איז דען אזוי גיזעסין אין האט זען נאר מיט מיר גישפילט // גיא, אלטץ איינס הוצאה, האב עך אויך אביסיל אטעם גיפילט". 1542

פיזעלזאן, 1, 66.

1883 " און נאך אלע הוצאות איז ביי אים איבערגעבליבן הונדערט מיט פופציק רובל מזומן |...|". 1577

ג.י. ראוויטש, 3, 19.

1932 " |...| קהס פאר דעם ווייבס בושה און אומזיסטע הוצאות".

1521 זינגער, 5א, 35.

1951 " חוץ די ערסטרע שטייערן אין צייטן פון גזירות |...|,

1580 האט דער וועד געמוזט נעמען פון יידן די באשטענדיקע

שטייערן צו דעקן די הוצאות פון די יידישע קהלשע באדערפענישן".

מ. ווישניצער, פער 106, 72.

2. (ספעציעל ס'רוב אין אצ) דאס געלט, וואס מע דארף פאר

די שטוביקע באדערפענישן (שפייז וכדומה).

% האב אויף דער הוצאה. געבן אויף דער הוצאה. עס קלעקט

ניט אויף דער הוצאה.

1873 "מיין געהאלט איז קוים דרייסיק טאלער און דאס איז

1521/2 ניט גענוגנד צו באשטרייטן די הוצאה פון לעבן מיט א

פרוי וואס איז א טאכטער פון א גרויסן גביר".

דיק, 65, 53.

1901 " זיין פרוי פלעגט יעדעס מאל וויינען מיט ביטערע טרערן,

1540 ביז זי פלעגט ביי אים ארויס קריגן א רובל אויף דער הוצאה".

טער 1, 4.

3. (ספעציעל מצ) די קאסטן פון פארן ערגעץ.

% האבן אויף הוצאות. פארן אויף אייגענע הוצאות.

געבן אויף הוצאות.

|אההייב X!X| " ער וועט זיא מיר אויף זייני הוצאות אהער

1574/2 שיקין קיין סטאמבול |...|".

י. פערל, 1, 216.

1889 " מע האט נאר געדארפט האבן אויף הוצאות צום רבין

1574 אריבערצופארן".

י.ל. גארדאן, 1, 64.

1916 " אויף הוצאות באדארף מען נישט. די באן נעמט אויף

1574/1 אן באצאלונג. דארט באקומט מען |...| בחנמדיקע דירה

און בחינמדיק עסן און טרינקען". זילבערבוש, 1,83.

1932 "זי האט אים געגעבן געלט אויף אן אויסלענדישן פאס,

אויף הוצאות". 1579

זינגער, 5א, 86.

4. (בא, לל) דאס ארויסנעמען דאס ספר=תורה פון ארון=קודש צום לייענען (פאר דער זכיה דאס צו טאן פלעגט מען באצאלן).

1870 "א מערקווירדיקע זאך צוצוזען, ווי אזא מענטש לייגט זיך אין דער לענג און ברייט אויסצוברענגען זיין פארמעגן נאר אויף אזוינע זאכן - אפדינגען 'קידוש והבדלה', הגבה וגלילה, הוצאה והכנסה, זיך איינקויפן אין אלע חברות |...|".

פער 177, נ' 23, ז' 167.

1889 "דער חזן האט זיך ארייגעמישט און האט א געשריי געטון, אז אויב וו. וועט ניט גיין מיט דער הוצאה ראשונה, 1574

וועט ער ניט דאוונען קיין מוסף".

פער 74, נ' 42, ז' 660.

5. (לל) דאס ארויסטראגן אום שבת א זאך פון רשות היחיד
אין רשות הרבים אדער פארקערט (וואס מע טאר דאס ניט).

/7 לויפיקע הוצאה - געוויינטלעכע, פון יעדן טאג, אויף
די נייטיקסטע באדערפעניש.

אויסמארקירן מיט דער הוצאה - דזוו אויסקומען |...|.

אויסקומען מיט דער הוצאה - האבן גענוג געלט אויף די
נייטיקע באדערפענישן פון שטוב, פון דער משפחה.

אויסשטייגן די הוצאות - קאנען דעקן די הוצאות.

1887 " לכן איז געבליבן, אז בכדי אויסצושטייגן די הוצאות
|...| זאל מען ארויפציען דעם מקח פון פלייש". 1554
מענדעלע, 16, 16.

אויסשלאגן (זיך) די הוצאות – אומקערן (זיך) די הוצאות
(ס'רוב וועגן א נסיעה).

1888 " |...| כדי אויסצושלאגן די הוצאות האט זי מיטגעפירט
א ביסל סחורה אפצוזעצן עס אין גלייכן געלט, דארט 1527
אין גלופסק".
מענדעלע, 3, 60.

אייציען די הוצאות – קלענער מאכן די קאסטן, איינשפארן,
אויסגעבן ווינציקער.

1864 " דער מיניסטער האט פארגעשלאגן מען זאל איינציען
די הוצאות". 1559
פער 177, ב' 44, ז' 660.

אפרייסן פון דער הוצאה – אויסגעבן ווינציקער ווי ס'איז
נייטיק אויף די שטוביקע באדערפענישן.

<u>אריינגיין/ארייגקריכן אין הוצאות</u> - מוזן (ניט ווילנדיק) אויסגעבן מער, א סך געלט.

<u>מאכן הוצאות</u> - אויסגעבן געלט.

<u>פירן אליין די הוצאה</u> - אליין פארדינען אויף די אייגענע באדערפענישן.

1881 " א קינד מיט א טאלאנט, |...| קוקט שוין ניט ארויס אויפן טאטנס געלט, ער <u>פירט</u> שוין <u>אליין די הוצאה</u> פון כמה יארן נאך פאר דער חתונה". 1569

<u>שאצקעס, 1, 155.</u>

<u>שניידן די הוצאות</u> - פארקלענערן אויף א שארפן אופן די הוצאות.

<u>שון: אן הוצאה איז ניטא קיין הכנסה.</u>

<u>"אז מע ווי זיך אויסשלאגן די הוצאה, שלאגט מען זיך אויס די ציין!"</u>

<u>נא דיר דעם בייטל און פיר דו די הוצאה!</u>

ם

.1 <------

1595 " אונ׳ זולן איין איקליכן אויף שרייבן ביי איינן בספר

1520 זכרון: ווי פיל זיין הוצאה גיוועזין איז |...|".

<u>קראקעווער קהילה=תקנות.</u>

1610 " קום און זיך |=זע| וויא גאר ליב איז ישראל גאטש

1575 גיבאט, דז זי טואן גרושי <u>הוצאות</u> ווען זיא איין מילה

מכן אונ׳ זיין זיך משמח מיט דער תורה".

טייטש = חומש, ויקרא יב - יג (<u>מדרש</u>).

1743 " אונ׳ וויל פון דאנן אוועק גין ווען דער קינג פון

1576 פרס ווערט מיר געבן דיא (<u>הוצאות</u>) דש איך האב אויש

גיגעבן אום דיא (מלחמה) צו האלטן".

<u>שארית ישראל, דף ס"ה.</u>

.4 <----

1768 " |...| אונ׳ דער (<u>הוצאה</u>/הכנסה) האט מוז (פשיטא לויה)

1531 ביז אן דען אלמעמיר".

<u>מחזור, 3, דף ט״ו.</u>

ה ו צ א ה = א ר ד ע ר - דער, =ס. א בוכהאלטערישער דאקומענט,

וואס באַרעכטיקט דאס אויסגעבן געלט.

ה ו צ א ו ת = ג ע ל ט - דאס/די, בא. (זן)

דאס זעלבע וואס הוצאה/הוצאות, ב"ב 3,2,1.

1912 " און די הונדערטער טויזנטער, וואס ווארטן נאר

אויף דער ערשטער גוטער בשורה און הוצאות=געלט און 1597

גלייך נאכפארן".

י. לעשטשינסקי, פער 51, נ׳ 8,ז׳ 17.

ה ו צ א ו ת ד י ק |הויצאעסדיק) - אדי. וואס פאדערט

גרויסע הוצאות; קאסטלעך.

% א הוצאותדיקע נסיעה.

ה ו צ א ו ת = ה ... – הויפטייל פון א סובסט' צונויפהפט, ווו דער באשטימטייל איז א העברעיזם, וואס הייבט זיך אן מיט דער ה' הידיעה. למשל: הוצאות=הדרך, הוצאות=החתונה,

הוצאות=הדרך |~ האדערעך| – די קאסטן פון דער נסיעה. 0

" |...| האט אים אוועקגעשיקט שטודירן, |...| אים 1883
1594 מיטגעגעבן א ביסל געלט אויף הוצאות=הדרך".
ג. י. ראוויטש, 3, 20.

" |...| ער וואלט זיך דורכגעפארן אהיים, ער זאל 1916
1593 האבן גענוג אויף הוצאות=הדרך".
שלום=עליכם, 38, 258.

הוצאות=החתונה |~ האכאסענע| – דאס געלט וואס קאסט אפ דאס מאכן די חתונה (כלי=זמר, כיבוד, פאר די סארווערס, פאר די כלי=קודש אאז"וו).

הוצאות=המשפט |האמישפעט| - די קאסטן פון א געריכט אדער א דין=תורה (לוין פון אדוואקאט, דיין, שטעמפלגעלט וכדומה).

1825 " ער האט ביי מיר מיט איין קורצע צייט די נחלה אויך אוועק גנומען און מיט הוצאות המשפט בין איך נאך אים איבר דר נחלה ביז 30 רובל שולדיג גבליבן". 1599

מסדר אגרת, ציט עלזעט, 2ד, 40.

הוצאות=הנסיעה| האנעסיע| - דזוו הוצאות=הדרך.

1965 " איך גיב אייך אויף הוצאות=הנסיעה, פארט ארום און זוכט".

פ...רודאי, פער 69, IV/4.

1912 " |...| בכלל לאזט זיך א יידן קען לאנדאן אדער פאריז, ווען ער האט, ניט די מיגלעכקייט | צו| פארן קיין אמעריקע, דאס הייסט, ווען ער האט פשוט ניט אויף הוצאות=הנסיעה". 1601

ש. מלמד, פער 51, נ' 1, ז' 7.

הוצאות=הקהל |~ האקאהאל| - די קאסטן פון די קהלשע באדערפענישן און התחייבותן (געצאלט דעם רב אין דיינים, חזן, שמש, אויסצוהאלטן די בתי =מדרשים , דעם הקדש, תלמוד=תורה אד"גל.

1901 " |...| איר זאלט מיר ערקלערן, וויפל מען דארף הי
1602 איף הוצאות=הקהל און וויפל עס איז דא הכנסות".
יה"ל, 2, 102.

הוצאות=קטנות|~ קטאנעס| - קליינע הוצאות, קעשענע=געלט.

1883 " מיין קינד, פון היינט אן באקומסטו פון מיין קאסירער
1607 פופציק קאפייקן זילבער וועכנטלעך אויף הוצאות=קטנות".
ג.י. ראוויטש, 3, 19.

הוצאות=הספר |הויצאאס=האסייפער| - פפ̄: הוצאת=ספר=תורה/
הוצאת=התורה |~ האטוירע| - די צערעמאניע פון ארויסנעמען דאס ספר=תורה פון ארון=קודש פון ארון=קודש צום לייענען אדער שימחת=תורה צו די הקפות.

... "אז עס קומט יום=טוב צו אויסנעמעניש (הוצאת=התורה)

1611 און עס האלט ביי פארקויפן עליות, דינגען זיי זיך,

ווילן דווקא ביידע איין עליה".

שלום=עליכם, 2ב, 39.

1957 " דער וואס האט געהאט שכל איינקוקן זיך אין פני קדשו

1605 פון טאטן בשעת הוצאת=הספר=תורה |...|".

איבז, אנ, ליקוטי דיבורים.

## ה ו צ ו ל - דער, =ן.

1. אנגעהעריק צו אן עטנישער גרופע וואס לעבט אין די
מיזרח=קארפאטן=בערג.

1932 " |...| ציגיינער מיט קופערנע פאנען און קעסלען,
הונגעריקע רוטענער, הוצולן פון די קארפאטן=בערג". 1618
זינגער, 5א, 116.

1967 " |...| פון געבערג און פונעם טאל - טשאטעס מיט הוצולן
צעאהקן אלע שנייבלומען, וואס איך האב אויף די בית=המדרש= 1615
שויבן אויסגעמאלן".
י. פרידמאן, 4, 15.

2. פערד פון די הוצולן: קליין, דיקלעך, זייער אויסהאלטעוודיק.

ה ו צ ו ל י ש - אדי. (ווי) פון הוצולן.

% הוצולישע קאלירטע פלודערן.

1956 " הוצולישע סחורות האבן באשיינט די ירידים פון מיין

1621 שטאט קאלאמיי |...|".

ש. ביקל,פער 69, ז/8.

ה ו צ ע ל - ----< **היצעל.**

ה ו צ ע ל ן  -  אוטוו. "זיך קהלן, טאראראמען, פרייען,
געוויינטלעך אומנייטיק און ווו. איינער געפערט ניט און ס'איז
איבער הויפט ניט זיין זאך".

|קטוו, לעבן רוזשין|.

........................................................

רעד: דא איך דייטש און מה"ד

מיטן טייטש צוזאמענשרימפן זיך, צונויפקנייטשן זיך

אבער ווי קומט עס אהער?

........................................................

ה ו ק - דער, =עס. שטארקער געשריי (אויף עמעצן).

1960 " דער בעל=עגלה האט א טרייב געטאן די פערד מיט

1638 א הוק און א סטוק".

סיימאן, 2, 252.

ה ו ק ע = ב ע ס ט ו ק ע - פּר. (פּטמ) געשריי און קלאפּעריי.

1863 " איל בין שוין גאר טלולא געווארן, הוקע=בעסטוקע,

1644 שווייגט איר גאר!

אנ, גענארטע וועלט, ז' 91.

רעד: אפשר דארף זיין הוקע=וועוסטוקע(דער העברעישער וואוו המכבר? אדער הוקע=בסטוקע(די העברעישע פרעפּאזיציע.

ה ו ק ע ד י ק — אדי/אדוו. (שנש) ווי ס׳וואלט

געהוקעט, ב׳ 2.

1972 " דאס קול וואס קומט ארויס פון זיין קעל, איז

1662 הויל און הוקעדיק, ווי ס׳וואלט געקומען פון א טיפן

קעלער |...|".

ראזענפארב, 2, 580.

ה ו ק ע ן - אוטוו, פאר געהוקעט. ווס הוק/הוקע.

שרייען שטארק, אומאיידל, בייז אויף עמעצן.

% געבן/טאן א הוק. די בעל=עגלות הוקען אויף די פארשוינען זייערע. וואס הוקעסטו אויף מיר - קענסט ניט רעדן איידעלער?

1887 " |...| רייכע האט ער געהנפעט, אויף ארעמע=לייט
|פלעגט ער| שרייען און הוקען". 1652
ליאנדאר, 2, 76.

1907 " מע טוט אויף מיר א הוק און מע הייסט מיר קריכן
אין וואגן". 1630
שלום=עליכם, 29, 162.

1928 " די מחנה סאלדאטן אין און ארום ברענענדיקן בסויז
הוקען, ווי אין א הייסער באד". 1658
גאדינער, 1, 35.

1967 " |...| גיט אבעלסאן |...| א הוקע אויפן אלטישקן".

1643 גראדע, פער 69, !X/3.

2.שרייען "הו=הו", ארויסברענגען דעם קלאנג "הו".

% כדי ניט צו צעשיידן זיך און פארבלאנדזשען אין וואלד,

האט ער געהויקעט די גאנצע צייט, כדי צו הערן דעם ברודער.

די זשאבעס אין זומפ הוקען.

1940 " א סאווע טוט א הוקע // און ס'ווערט דער קלאנג

1654 פארפאלן".

טאלאלאי, 1, 57.

1953 " ער הירזשעט ווילד, לאכט און הוקעט |...| ער צעפּוזשעט

1661 די פערד".

ברוסילאוו, 1, 31.

3. בלאזן אין די הענט (בעת קעלט) ארויסקענגענדיק דעם קלאנג "הו

"הו=הו".

ה ו ק ע ס = פ ו ק ע ס – אדער פר. דזשו האקוס=פאקוס.

|1873?| "איך וועל מאכן הוקעס=פוקעס, אז מען זאל נאר שרייען, האלטן רעדעס, און גארניט טאן".

מענדעלע, 1.

.................................................................

רעד: ניט אנגעגעבן פון וועלכער אויסגאבע די ציטאטע איז אויסגעשריבן. כ׳האב א ספק צי ס׳איז טאקע אזוי דער אריגינעלער טעקסט, ס׳קען זיין אז מענדעלע האט גערעדט: "האקעס=פאקעס" נאר שלעכט ארשריבן אדער שלעכט געדרוקט. נאר נאך צוויי ציטאטעס מיט "הוקעס=פוקעס", אויך פון מענדעלען!

.................................................................

ה ו ק ע ר יי – דאס/די. דאס הוקען א סך, כסדר.

1908 " זייער שעדלעך איז פאר קליינע קינדער זיך צו

1665 געפינען שטענדיק נאענט ביי א גרויסער קלאפעריי

און הוקעריי, ווי למשל ביי א קוזניע אדער ביי מיליטער=

שיסעריי".

מ. גאטליעב, 2, 64.

1929 " דער באשיידלעכער וואלד דער נאסער// הילכט אפ

1666 די הוקעריי פון די קוקאווקעס".

מ. קולבאק, 4.

ה ו ק = פ ו ק - פר. (פסמ) אויף גיך, א ינס=און =צוויי

|פער 92, נ' 14|.

ה ו ר - <u>די, =ן.</u> זונה, פראסטיטוטקע.

1805 " אונ דורך זענעפטיגי וועלטליכי גוצין קריגט די

1699 נשמה איר לוין גלייך אז איין <u>הור</u> אונ איין אפ קערירין

דש איז איין זונה".

<u>איבז פאוויר, 2, דף מב.</u>

1895 " איך האב באטראכט מיט ברענענדן צארן// די רייכע

1715 <u>הורן</u> מיטן טיטל 'ווייב' // און די וואס איז אויף

דער סטריט געפרארן// געצווּנגען דורך הונגער פארקויפן

איר לייב".

<u>עדעלשטאט, 1, 122.</u>

1939 " דא, אין דער בודקע, האט זיך געמאכט אן אפלאג

1706 די הויכע יוזשקע, די <u>הור</u>".

<u>פערלע, 3, 231.</u>

" |...| זי וועט נישט הערן מער, קיין מאל מער,// 1954

1701 אז זי איז א יידישע הור".

מ. ראוויטש, 4, 275.

Ⅳ העגדל הור און כאצקל גנב – שפאטישער נאמען פאר א

באנדע, פאר אן אונטערוועלט=געזינדל.

שרו:

אז מע שפילט דער הור אין פנים, זאגט זי אז ס׳רעגנט –

הור. ם

" |...| דעך דורך איין הור קומט מן (עד ככר לחם) 1626

1704 ביז קיין איין לייב ברוט כלומר מען ווערט בדלות".

ס׳המגיד, 1, משלי, ו׳ – כ"ו.

" אונ׳ דש זי |מוקדון| פר בארגן האט איר בין אין איר 1743

1710 לנד, גלייך זיך פר בארגיט איין הור איר אום ווערדיקייט
אונטר איר קלידר".
יוסיפון 4, דף צ"ט.

ה ו ר א – אינט (אפט סובסטאנטיווירט). אויסגעשריי פון באגריסונג, דערמוטיקונג, ניצחון אד"גל.

% די סאלדאטן שרייען הורא! באגריסן מיט א הורא. מאכן א הורא.

1878 " הורא! הורא! – האט זיך געהערט א שטארקע שטים פון אלע זייטן". 1777

נדה"ם | האפמאן ג=ד, 1.

1916 "חברה שניידערס האבן אויפגעהויבן א הורא! 'גרינהארן' האבן זיי אים אנאמען געגעבן". 1777/1

שלום=עליכם, 8ב, 107.

1932 " מיר דונערן העלע הוראען דער וועלט אנטקעגן". 1780

נאדיר, 4, 164.

0 הורא=פאטריאט – דער, בא. פאלשער פאטריאט, אז וואס דריקט זיך אויס נאר אין פאטריאטישע פראזן.

1951 " די אגיטאציע ניט צו קויפן ביי יידן |...| ווערט
געמאכט |...| דורך די <u>הורא=פאטריאטן</u>".
<u>פער 106, 1592.</u>

ד) <u>אויפהייבן נא הורא</u> - מאכן צום נאר, אפלאכן.

<u>שרייען הורא אין ארבל אריין</u> - דעמאנסטרירן, פראטעסטירן
אזוי אז קיינער זאל ניט זען, פהדנותדיק.

הוראניק - דער, =עס. (שנש, ביטול) דער וואס שרייט

הורא, גרויסער אויפטוער, גרויסער פאטריאט.

1963 " ביי אזא טענדענץ קאן מען נאך ווי ניט איז פארגינען

1781 אפצוגעבן א ביסל כבוד יענעם געטא־ייד וואס זיי, די

הוראניקעס, באטראכטן פאר א שטארקן, פאר אן אקטיוון

ווידערשטאנדלער".

לייוויק, 14, 403.

ה ו ר א ה |הויראע| - די, =ות |הויראעס|(לל)

1. אנווייז(ונג), אינסטרוקציע, דירעקטיוו.

1957 " די עלטערע תלמידים פון דער ישיבה |...| האבן
1798 געהאט געוויסע אזהרות און הוראות ווי און ווי אזוי
יעדער זאך דארף זיין".

איבז אנ, ליקוטי דיבורים, ז' 244.

1962 " |...| די אגודה האט קיין מאל ניט געטאן קיין זאך
1791 קעגן די הוראות |...| פון די גדולי=ישראל".

ב. גארדאן, פער 69, !21/V.

2. (ספעצ) אנווייזונגען אין הלכה, אין יידישע דינים.

1832 "דיא שורות תלמידי חכמים וואש זיי זאניק בקומן
1796 צו לערנין פון דיא סנהדרין |...| פוסקין אונ הוראות
איסור והיתר".

איבז אנ, מחזור 2, דף טז.

1959 " ער האט געטראגן לאנגע פאות, |...| געלערנט הוראה!"

1789 י. ווארשאווסקי, פער 155, IV/4.

3. בא. די קוואליפיקאציע, דאס רעכט צו זיין א מורה=הוראה
(א רב). לערנען אויף הוראה. באקומען הוראה.

1922 " ער זיצט א צוויי יאר און לערנט - האט ער

1783 די הוראה אין קעשענע".

אש, 7ב, ז' 95.

1970 " שמעון זינגער איז געווען א גרויסער למדן און ער

1793 וואלט געווען אודאי געקונט באקומען די הוראה -

ווען ער וואלט געווען א פרומער |...|".

א. פייוולאוויטש, יזב 7, 142.

0 הוראת=שעה | הויראאס=שא | - די, שעהען/שאען דין וואס
איז גילטיק נאר פאר א באגרענעצטער, באשטימטער צייט.

1959 " |...| ער פרוּווט אליין מאכן א סך=הכל פון

1801 ה. לייוויקס פארשיידענע ׳הוראת=שעהען׳".

ניגער, 9, 202.

ם ----> 1.

1610 " צו ווייזן פור אים, צו זיין ביזעצן אים איין אורט

1788 צו לערנן דש פון דאנן דיא הוראה אויש גין זאלט".

טייטש=חומש (רשי), בראשית מו - כח.

----> 4.

א שאלה אין א יידישן דין.

1696 " |...| עש איז איין משל. ווען איינער איין הוראה

1784 האט אונ גיט צו איין מורה הוראה פראגן אום די הורא

כשר אודר טריפה איז |...|".

דרך הישר |...|, דף ל"ט.

ה ו ר א ג א ן - דער, =ען, פּפּ הוראקאן.

1. זייער שטארקער צעשטערנדיקער שטורעמווינט.

1961 " צייטונגען שרייבן כסדר וועגן הוראקאנען וואס גרייטן זיך אנצופאליען אהער פון ווייטע אינדזלען". 1804

י. באשעוויס, פער 155, 10/IX.

2. (פיג) געשעעניש וואס צעשטערט, מאכט חרוב, ברענגט פארוויסטונג.

1947 "|...| די ווילדע רציחות און הוראגאנען פון טויט און פארניכטונג, אויסגעפירט דורך די נאצישע רוצחים |...|". 1803

ר. פעדערמאן, יזב 8, 320.

ה ו ר ב ע - די, =ס. פּפֿ הורמע. אַן אַנזאַמל (פון זאַכן) א קופּע, א בערגל, א קופּשע, א סך.

% א הורבע ניס. הורבעס שניי. א הורבע שפענער.

1868 " דער שליח האָט זיך אין די הורבע שניי אָפּגעכאַיעט און האָט זיך אַנידערגעשטעלט אויף דעם פּאַסטוועג אָפּצוווהאַרטן א פּיר". 1821

דיק, 40.

1920 " מיט א מאָל האָט רונד אַרום מיר אויסגעבראַכן// א ווילד געקלאַפּעריי אין די הורבעס קנאַכן |...|".

יהואש, ליד "אין טאָל פון טויטע ביינער".

1939 " א גלעזערנע שיסל מיט א הורבע האָניק=טייגלעך".

שניאור, 6, 150.

1972 " ס'זיינען פּאַרטיק די קירבעס,// רייפּע אויפסן אין הורבעס |...|".

בוימוואַל, 2, 14.

ה ו ר ב ע ן  ז י ך – אוטוו. ליגן, (אנ)ָאמלען זיך אין/ווי הורבעס.

1947 " |...| פון אלץ ווערט קויל, און בערגער אש זיך

1830 טורעמען און הורבען".

לעיעלעס, 4, 13.

1948 " |...| טעג האבן זיך געהוידעט און יארן געהורבעט".

1829 בארדא=ריווקין, 1, 29.

ה ו ר ב ע ס ו ו י י ז - אדוו. אין הורבעס, א הורבע ביי/לעבן א הורבע.

% דער שניי איז אנגעוואלגערט הורבעסווייז ביי די פלויטן.

1945 " געשריבענע כתבים ליגן הורבעסווייז און גאנצע טעג קוק קוקט אין זיי קיינער ניט אריין". 1812

שניאור, 9, 10.

ה ו ר ג |הוירעג| – דער, =ים.|הויראגים|. געהרגעטער;

הרוג.

1863 " |...| האט אים געמאכט א קליינע ווונדל און געגאסן

1833 מיט בלוט פון א בהמה, דאס זי זאל אויסזען ריכטיק ווי

איין הורג |...|".

דיק, 7א, 43.

1884 " איך בין |מאך?| פון דיר א הורג דא אויף דעם ארט".

1834 בעקערמאן, 3, 61.

1722 ם " ווען מן איין הורג האט גפונדן פר איין שטאט

1831 ליגן זוא האבן דיא זקנים פון מקום מוזן ארוש גין אונ׳

זאגן אונדז הענד האבן דש בלוט ניט פר גאסין".

מנורת המאור, דף קנ"ח.

319 ה-

1798 " דען אין דען לנד ווערט אזו פיל גימאר|ד|ט,//

1837 מן פינד בלד איין הורג אויף איטליכן אורט".

משל הקדמוני, דף 26.

ה ו ר ג |הוירעג| ז יי ן – טרוו. (עלט) הרגענען.

1832 " דער סובא יין איז הורג אפילו נפשות כשרים |...|".

1848 דוב בער |...|, אות כ"ז.

1610 " |...| אז ער זי |דעם לויתן מיט זיין נקבה| הוט

1880 בישאפין דאהוט ער די נקבה הורג גיוועזין |...|".

טייטש=חומש, רשי, בראשית א – כא.

ה ו ר ג ן |הוירעגן| - טרוו. הרגענען, מערדערלעך שלאגן.

% די שיכורים שלאגן זיך הורגן איינער דעם אנדערן ביז בלוט.

322 ה-

ה ו ר ג=נ פ ש |הורעג=נעפעש| - דער, מצ הורגי=נפש|הוירגיי=נעפעש|

הורגי=נשפות |~ נעפאשעס|.

1. מערדער, רוצח.

2. (פטמ) שלעגער, אכזר, רשע.

1866 " |...| דער קריסט האט זיך מחיה געווען, ער האט

1844 געקריגן א יידעלע צו קוועלן, צו מוטשען פאר דער

קלענסטער זאך, ווי א הורג=נפש, אן דין, אן משפט".

פער 177, נ' 9, ז' 142.

1902 " עס האט זיך א ם געדאכט, אז ער איז א הורג=נפש".

1840 שלום=עליכם, 34, 34.

1952 " |...| איז ארונטערגעשפרונגען דער גוי פון וואגן,

1839 א גוי א הורג=נפש, |...| האט מיך ארונטערגעשלעפט,

|...| א ריס געטאן די בארד".

קאברין, 3, 64.

ה ו ר ה |הָאֳרא| - <------ הָאֳרא.

ה ו ר ט = ... – באשטימטייל פון סובסט' צונויפהעפטן,

באטייט: שייכדיק צו הורט.

% הורטגעשעפט, הורטהאנדל.

ה ו ר ט - דער, =ן.

1. סטאדע (פערד, בהמות אד"גל).

% דער ליוועראנט האט געבראכט אויפן יאריד א גאנצן הורט פערד צו פארקויפן. מע טרייבט א הורט בהמות אין שעכטהויז.

1956 " |...| מיט א מאל האט זיך דער הורט געגעבן א

1865 צעזיי מיט ווידלען אויפגעהויבענע און קעפ פארהאקטע|...|".

מארקיש, 10, 498.

2. (ביטול/פעיא) א געזעמל מענטשן, א מחנה.

1956 " |...| וואס זשע שיידט אונדז אפ פון יודנראט,

1856 וואס האט געשיקט דעם מלאך=המות גאנצע הורטן?".

מארקיש, 11, 498.

3. (אדוורביש: אין הורט) א סך, אין גרויסע סכומים, ניט אין דעטאל; (וועגן סחורה=פארקויף).

% פארקויפן (אין)הורט. האנדלען אין הורט.

1868 ... " וועלכע גוטע יאר טרייבט דיך, זאלסט פארקויפן דיין סחורה הורט! לאחדים פארקויפט מען, איינציקווייז!".

שלום=עליכם, 7א, 233.

1952 "דער יידישער סוחר |האט| געמעגט פארויפן זיין סחורה

1861 נאר אין הורט צו די קריסטלעכע הענדלער".

מ. באלאבאן, יזב 12, 121.

ה ו ר ט אָ ו ו נ י ע - די, =ס. הורטגעשעפט, קראם ווי-
מע פארקויפט אין הורט, אנגרא.

1929 " אזא געשעפט, אזא הורטאוווניע!// איר זעט די הענט?
1876 מיט מיינע פינגער צען אליין עס געפירט".
מ. ראוויטש, 2, 63.

הורטאָווניצע – די, =ס. די וואס האנדלט איך הורט.

1886 " איידעמס האט זיך בינה די הורטאווניצע געקריגן

1861/1 אנטיקלעך, צאצקעלעך, זיידענע קינדער און מיוחסים".

שלום=עליכם, 25, 27.

ה ו ר ט אָ ו ר נ י ק - דער, =עס. סוחר וואס האנדלט אין הורט.

1886 " ער האט געהאט א הורטאורנע קלייט פון צעלניק,

1871 וואס די קליינע קלייטלעך פלעגן ביי אים קויפן, |...|

האט מען אים אין שטעטל גערופן הורטאורניק".

בעקערמאן, 6, 15.

|1931 - 1926| " דער האנדל האט מער נישט געקאנט ווארטן.

1875 די הורטאורניקעס האבן זיך צוריק צעשאטן, יעדער איז

געגאנגען צו זיין "געשעטל"".

אפאטאשו, 15, 315.

1972 " |...| איז זי שוין געווען אין גאנצן דערשעפט פון

1874 שרייען צו די הורטאורניקעס, מ'זאל איר געבן די שענסטע

און בעסטע סחורה".

פולאווער, 1, 253.

ה ו ר ט אָ ו ו נ ע - <u>אדי.</u> ווו. וואס מע פארקויפט אין הורט.

% <u>הורטאוונע</u> קראם. <u>הורטאוונע</u> האנדל.

1858 " |...| אזעלכע גרויסע, שווערע |...| באלעמס סחורה, וואס זיי אליין פארוואנדלען א קליין געוועלב אין א <u>הורטאוונעם</u> סקלאד". 1878

<u>ש. ביקל, 1, 384.</u>

1864 " אלץ ווערט פארקויפט |...| גאנץ ווארוול אין מיין <u>הורטאוונע</u> מאגאזין". 1876/1

<u>פער 177, נ׳ 40, ז׳ 615.</u>

1886 " ער האט געהאט א <u>הורטאוונע</u> קלייט פון צעלניק, וואס די קליינע קלייטלעך פלעגן ביי אים קויפן". 1871

<u>בעקערמאן, 6, 15.</u>

ה ו ר ט אָ ו ו נ ע - **אדי.** דער הורטאוונג.

1. וואס פארקויפט/האנדלט אין הורט.

1970 " מיין ברודער איז געווען א ייד א תלמיד=חכם און

1877 א גרויסער **הורטאוונע** לעדער=סוחר".

2. (**פיג**) וואס ווערט געמאכט/געטאן אין גרויסן פארנעם, סכום.

1957 " ברוך דער אגולניק קוואפעט זיך שוין, זעט אויס,

1879 ווידער אויף א **הורטאוונע** מצווה".

מאלאדאווסקי, 2, 247.

ה ו ר ט אָ ו ו ע - אדי. דזוו הורטאוונע.

ה ו ר ט א׳ם - <u>אדוו, פּפּ הורטעם.</u>

1. א סך מיט א מאל, איך א גרויסן סכום, ניט אין דעטאל;אנ גראָ.

% די סחורה האט ער פארקויפט <u>הורטאם</u>.

1870 " אויספאקויף פון לשון=קודשע יידיש=טייטשע |...|

ביכלעך |...| וואלוול, <u>הורטאם</u> אויף צו פארדינען". 1888

<u>פער 177, נ׳ 20, ז׳ 150</u>.

1961 " וויפל וויל א ייד פאר די היטלען, |...| אלע

היטלען <u>הורטעם</u>,ניט לאחדים?". 1889

<u>שעליובסקי, 4, 108</u>.

2. צוזאמען, אלע מיט א מאל.

1947 " ווי מורעשקעס באפאלן א שטרוי, אזוי איז מען

<u>הורטאם</u> באפאלן פון אלע זייטן א שווערע און לאנגע רעלס". 1887

<u>דאבין, 1, 58</u>.

1959 " בעת איינער פון זיי |די קריטיקערס| האלט אין איין

1883 קלאפן שרייבערס איבער די פלייצעס,|...| פארנעמט

זיך דער צווייטער מיט אויסבראקירן שרייבערס – הורטאם

און לאחדים".

ניגער, 9, 152.

ה ו ר ט ג ע ש ע פ ט - <u>דאס, =ן.</u> געשעפט וואס פארקויפט נאר איך הורט, אנגרא.

1870 " דערביי האט דער היימישער לאחדים=פארקויף |...| מעגלעך געמאכט דאס <u>הורטגעשעפט</u> גרעסער צו טרייבן". 8860

<u>צעדערבוים, 1, 10.</u>

1968 " צווישן די ערשטע אויסראבירטע געשעפטן איז אויך געוועזן שלמה=לייב סאלניצקיס <u>הורטגעשעפט</u>". 1892

<u>ד. שיף, יזב 2, 929.</u>

ה ו ר ט ה א נ ד ל - דער, בא. האנדל מיט סחורות אין גרויסן פארנעם, אין גרויסע סכומים; אנגרא.

1924 " זייער הורטהאנדל האט שוין באוויזן פאר דער צייט צו ווערן א צעטיילקראם". 1895

ע. ווארשאווסקי, פער 100ב, 30.

1943 " ס'איז |...| אבאשטענדיקער יאריד דארט. הורט= און לאחדים האנדל". 1894

נסתר, 5, 24.

1951 " איך וועגן הורטהאנדל קען מען זאגן |...| אז אין די 30-ער יארן זיינען די ליטווישע הורטגעשעפטן 1894/1

געווען גאר זעלטענע דערשיינונגען".

י. לעשטשינסקי, פער 106, 908.

337-ה

ה ו ר ט ה א נ ד ל ו נ ג - די, =ען. (עלט)הורטקראם.

1869 " איף דעם פּראספּעקט |...| האט זיך ערעפנט א נייע הורטהאנדלונג פון צעלניק".

פער 177, נ׳ 17, ז׳ 123.

338 ה־

ה ו ר ט ה ע נ ד ל ע ר - דער, =ס/מצ דז. דער וואס פארקויפט

אין הורט, אין גרויסעסכומים סחורות.

1970 " |...| זיי האבן זיך פארנומען מיט אומלעגאלן

פארקויפן אויף דער גאס ציגארעטן |...| וועלכע זיי

פלעגן באקומען צוגעשטעלט פון פוילישע הורטהענדלער".

יזב 15, 773.

(?נ?) ה ו ר ט י ג[ם] - אדי-אדוו. פלינק, רירעוודיק.

1723 " |...| ווען ער איף שטיים זאל ער הורטיג זיין

1909 אונ' ניט פויל".

ס' המנהגים, דף ג.

ה ו ר ט ל - דאס, =עך. פּקפּ פון הורט. 1 - 2.

... "|...| האט זיך ארויסגעגליטשט פון טויער א הויקערדיק

1911 הורטל פון א מענטשן פופצן |...|".

בערגעלסאן.

רעד: ניט אנגעגעבן פון וועלכן ווערק די ציטאטע.

... " הלוואי איר זאלט ארויסקריכן פון דעם

1910 הורטל וועש, ק ין עין=הרע".

סמבטיון.

רעד: ניט אנגעגעבן פון וועלכן ווערק ס׳איז די ציטאטע.

ה ו ר ט ל ע ר - דער, =ס. |אוהו| דזור הורטאוונזיק.

342 ה־

ה ו ר ט ל ע ר ק ע – די, =ס. | אגוו|. דזוו הורטאוונוניצע.

ה ו ר ט = ס ו ח ר |~סויכער| - דער, =ים |סאכרים|.

דזוו הורטהענדלער.

1970 " אויפן פלאץ אנטגעגן איבער |...| איז געשטאנען

1900 דאס הויז פון באקאנטן הורט=סוחר פון געשיר |...|".

יזב 15, 680.

ה ו ר ט ע - די, =ס. קופע, קוטשע.

1896 " |...| נאר ווען שטייט דער מלך לעבן פעלד,בשעת

1908 די תבואה איז שוין אפגעשניטן און שטייט אויפגעלייגט

אין הורטעס".

איבז אנ, תנחומא, בראשית, ז׳ 180.

ה ו ר ט פ א ר ק ו י ף - דער, =ן. דאס פארקויפן אין

אין הורט, אנגרא, אין גרויסע סכומים (סחורה).

1973 " דער קאאפעראטיוו האט זיך פארנומען מיטן איינקויף

1905 פון כלים, זריעה |...| און מיטן קאלעקטיוון הורטפארקויף

פון פראדוקטן".

פער 139, 657.

ה ו ר ט = ק ו ב ה |~קוינע| - דער, =ים.

דער וואס קויפט איין אין גרויסע סכומים, אנגרא.

1864 " הורט=קונים און באשטעלונגען מוז מען זיך ווענדן

צום פארבריקאנט". 1906

פער 177, ג' 36, ז' 574.

ה ו ר ט ק ר אָ ם - די, =ען. קראם וווּ מע פארקויפט

אין הורט, אין גרויסע סכומים, אנגרא.

1948 " די פריערדיקע ארעמע אימיגראנטן |...| האבן זיך

1907 איצט פארוואנדלט אין גבירים=אדירים, פארמאגנדיק

אונטערנעמונגען, הורטקראמען, אוניווערסאל=געשעפטן".

פער 44, נ׳ 2, ז׳ 52.

ה ו ר ט ש ע ן   -   אוטוו. ברומען, וואַרטשען.

% דער הונט הורטשעט בייז.

1901 "פריער האט מען אויף אים אנגעהויבן קוקן בייז,

הורטשען |טעקסט: הורטשען| און באווייזן ציין, און 1947

נאכדעם זענען עטלעכע |הינט| |..| אנגעפאלן אויף אים,

געריסן און געביסן".

שלום=עליכם, 19, 85.

רעד: "הורשטען" איז זיכער א טעות הדפוס.

ה ו ר י ( ע ) - די, =ס. לעגענדארישע יונגפרוי פון

איסלאמישן גן=עדן.

" הוריס יונגע גלעטן אייך די האר". 1947

1916 אהרן צייטלין, 5, 33.

" צוויי נאבעלע פראנצויזישע יונגפרויען, וואס זאלן 1967

1918 זײַן שיין אזוי ווי הוריעס".

ברוסילאוו, פער 38, נ' 59, ז' 28.

ה ו ר י ה |האריע| - =ות |=עס|, ס׳רוב אין מצ. (לל)

1. מחשבות, איבערטראכטעניש, דאכטעניש.

% אויסטערלישע הוריות קריכן אים אין קאפ אריין.

1900 " קדיש זאגט א קינד! און עס גייט איבער |דער ניגון| אין א שטייגער: הוריות, טויזנטער געדאנקען, וואס גייען איבער לאנגזאם אין זיסע, בארעמהארציקע מעלאדיעס".

פרץ, 17, 309.

1923 " ארבעט, נאר זי איז זיס, די ארבעט, ווארעם זי שלאגט ארויס פון קאפ אלע הוריות און אלע צרות". 1937

ניימאן, 1, 140.

1968 " אזוי ווי ר׳האט געלייענט, אזוי האט דער מוח זיינער געטראכט ווילדע הוריות, געדאנקען אזוינע, 1932 וואס ליבא לפומיא לא גליא".

י. ווארשאווסקי |באשעווים|, פער 155, 19/X.

2. קינדער=מעשהלעך, פוסטע מעשיות.

|ליפשיץ 1|. אויסגעטראכטע זאכן.

1864 " עס חתמענען זיך 300 יידן, פון וועלכע אפשר 10 וואס ווייסן וואס זיי האבן אונטערגעשריבן און זאגן פאר די איבעריקע הוריות אלערליי, אז איך הייס פון זיי די קישעלעך נעמען פאר נתינה".

פער 177, נ' 16, ז' 244.

1916 " |...| די דאזיקע נארישע יידענע וויל זי האלטן פאר א נאר און דערציילט איר 'הוריות', וואס זענען נישט געשטויגן און נישט געפלויגן". 1934

זילבערבוש, 1, 8.

1967 " |...| ראפינירטע קינסטלערישע געשטאלטן און באבסקע הוריות". 1924

מ. גראס, פער 38, נ' 60, ז' 191.

3. הוריות - נאמען פון א מסכתא אין סדר נזיקין,וואס פארנעמט זיך מיט ענינים פון דיינים, וואס האבן טעותדיק געפסקנט.

ד) רעדן אויף עמעצן כל ההוריות |קאל האהאריעס| - דערציילן וועגן עמעצן זאכן וואס זיינען פאלש,אויסגעטראכט.

ה ו ר י ק א ן - ------> **הוראגאן.**

ה ו ר י ש - <u>אדי/אדוו.</u> (ווי) פון א הור.

1873 " דער פאראַלעס |= פאראליז?| ווייס זיי, די בעל=הביתטעס.

1931/1 |...|| איז מען שיין, ווערט מען פון זיי אנגערופן:

<u>הורישע</u> צורה, פארצעלייענע פארצע |=פרצוף|. איז מען

ניט שיין, רופט מען: ברידאטע, פאמעגיצע |...|".

<u>דיק, 67, 26.</u>

1971 " מאכט א סוף צו דער יידישקע! לאזט איר ארויס די

1722 פראנצעוואטע געדערעם פון <u>הורישן</u> בויך".

<u>ב. רעסלער, פער 69, $\overline{X}$/31.</u>

ם <u>הוריש.</u>

1697 " אונ׳ דא קאם אבר דאז עזות פנים// צו דער ביזן

1720 <u>הורישן</u> פרויאן |...|".

<u>ס׳ משלים, דף מ"ו.</u>

ה ו ר מ ו ז |הארמוז| - <u>דזוו</u> <u>ארמוזד</u>.

... " הורמוז גיט גבורה, אחרימון דערלייגט נאך א ביסל

אונ פונ אונדזער באשעהקטן פונ <u>הורמוז</u> ווערט אן 1938/ג

אוואנטורניק, א פרא=אדם".

<u>פרץ, עפליעטאנען.</u>

ה ו ר מ י ז א |הורמיזע| - נאמען פון א שדיכע, א ניט=גוטע. (?נ?)

1957 " הורמיזא בת לילית און אנדערע נישט=גוטע האבן

1939 געמאכט קאזשעלקעס".

באשעווים, פער 155, 19/V.

ה ו ר מ ל - דאס, =ער. פּקפּ פון הורמע.

הורמע - די, =ס, פפ הארמע. דזוו הורבע.

1924 " הארמעס - אומגעהויער פיל, קופעס. היינט איז דא
1941 אויפן יאריד אוגערקעס גאנצע הארמעס".

פער 88, נ׳ 1, ז׳ 63.

ה ו ר ן =... ב- באשטימטייל פון סובסט׳ צונויפהעפטן,

באטייט: (ווי) פון א הורן הורן.

0 הורן=אויגן - די, מצ. אויגן (ווי) פון א הור.

□ 1716 " אונ׳ מיט אירהורן אויגן גינגן זיא נאך איר אום

1723 ווירדקייט".

ס׳ המגיד, 3, יחזקאל, 1 - ט.

הורנגאב - דער/די, בא. דאס געצאלט פאר דער הור.

□ 1716 " אונ׳ איך וויל דיך פר שטירן פון צו זיין איין

1724 זונה אונ׳ איין הורן גאב ווערשטו נימר געבן |...|".

ס׳ המגיד 3, יחזקאל, טז - מא.

הורן=געשענק - דאס/דער, =ען. דזוו הורנגאב.

1767 "אתנן זונה - הורין געשענק".

ס' דברי יושר. 1726

הורנהויז - דאס, ~ הייזער. שאנדהויז, באָרדעל.

1934 " |...| די לאמפ אויף הורנהויז".

מ.ל. האלפערן, 5, 91. 1733

1937 " דיין רוב וועלן מייז ארומשלעפן אויף בוידעמער

פון פארלאזטע הורנהייזער".

נאדיר, 10, 44.

1676 " |...| די כנענים האבן געוויאט פר זיך צו הורין

הייזר אונ האבן ניבול פה דרינן גערעט". 1734

קב הישר, דף כג.

1716 " אונ ער צו שטיס דיא הורן הייזיר |...|".

ס' המכיד, 3, דף קכ"ו. 1728

הורנזון - דער, ~ זין. (ווולג) זידלווארט, געמיינט

מנוּוול, הפקר=יונג, אויסגעלאסענער.

ם
הורן זון

1544 " איך בין זוא הארט גיווארפן דז איך ניכטש קאן

1738 גיטון.// ווש הושט דיא מיך צו וראגן איך יוד דוא

הורן זון".

שמואל=בוך, סטר' 1316.

הורנטאנץ - דער, ~ טענץ. אויסגעלאסענער טאנץ.

1927 " |...| ווי א וויסטער הורנטאנץ // זאל אין די

1739 אויגן ווארפן זיך // מיין חוצפה אויך |...|".

מ.ל. האלפערן, 2, 40.

הורן=טרייבער - דער, =ס/ מצ דז / (עלט) דער וואס
פארברענגט מיט הורן, נואף, אויסגעלאסענער.

1814 " |...| אהורינגטרייבר איז א מגיוול |...|".
איבז לעפין, משלי, ו׳ - 32. 1741

ם
הורן טרייבר.

1626 " |...| האשט בשירמט מיין לייב |...| פון דער אונטרשטי
גרוב פון גיהנם, אז וויא זונשט דיא הורן טרייבר 1740
קומן א ם גיהנים |...|".
ס׳המגיד, 1, תהילים, פו - יג.

הורן=יעגער - דער, =ס/מצ דז. דזוו הורן=טרייבער.

ם
1743 " ווען איינר אין זון הט דר איין פרעשיר אונ׳
זופר איז אדר איין הורן יעגר |...|". 1743
קב הישר, 2, דף מה.

**הורנלוין** - דער, בא. דזוו הורנגאב.

ם 1716 " אונ' איר סחורה |צורס| אונ' הורן לון ווערט

1744 זיין הייליג פר גאט כלומר דיא צדיקים ווערן עש

בקומן אין טעגן משיח".

ס' המגיד 3, ישעיה, כג - יח.

**הורנליד** - דאס, =ער. אויסגעלאסן ליד.

1752 " |...| דיינה קינדר מאכן אויש מיר איין פידל און

1745 זינגן הורין לידר אונ' רידן גיבול פה".

ס'עץ חיים, דף נ"ו.

**הורנמארק** - דער, ~ מערק. (עלט) פלאץ ווו. די הורן פלעגן

זיך א יסשטעלן צום באקוק און קויף/פארקויף.

ם 1711 " דא מעכט ער פר קויפט זיין גיוואורדין אויף

1746 דען הורן מרק אום זנות מיט אים צו טרייבן".

צאינה וראינה, פרשה מקץ. דף מצ.

הורנקינד - דאס, =ער. בנב.

ם 1735 " צום לעצטן זאגט דש גיצווערגל צו איילין שפיגל

1747 ליבר ממנשטר איך זע גאר קיין גימעל און זעלט איך אל

מיין טאג איין הורין קינד זיין".

איילין שפיגל, דף 8.

הורן=שלעפער - דער, =ס/מצ דז. דער וואס פארברענגט מיט הורן.

ם 1626 " דער פסוק זאגט ווייטר דז איין הורן שלעפר

1748 איז ארגר וועדר איין גנב".

ס' המגיד,1, משלי, ו - כט - ל.

1743 " וועך איינר דער הוריך שלעפר איז ווערט׳ער

1751 מגולגל אין איין אשה פון אומות העולם און׳ מן מזנה

מיט איר איז מטמא דיא נשמה".

קב הישר, 2, דף מא.

הורנשמוק - דער, בא. באפוץ,שיינע קליידער פון א זונה.

ם 1713 " דא בגעגינט אים איין ווייב אים הורן שמוק |...|".

1752 משלי בלשון אשכנז, ז, י - יא.

ה ו ר ע – די, =עס. דזוו הורמע/הורבע.

1923 " |...| די וועלט איז גרויס, און אפשר זענען דא

1943 מענטשן, א סך מענטשן, א הורע מענטשן – און זיי ווערן

געבוירן צוזאמען |...|".

יחזקאל מ. ניימאן, 1, 149.

רעד: מסתמא איז דאס א טעות פון ׳אויסשרייבער

אדער פון דרוק און ס׳דארף זיין טאקע הורמע/

הורבע.

ה ו ר ( ע ) ן - אוטוו, פאר געהור(ע)ט. האבן סעקסועלע

באציונגען מיט א הור(זונה), אויך טרייבן ניאוף,

פירן אן אויסגעלאסן לעבן.

1817 " |...| אבר זר רשע איז תאווה לפי שעה אויך שטעלט

1560 און שטעלט ער זיין לעבן איין למשל ער גיט הורין

אודר גנבנן אודר גזלן |...| אונ' אז מען קריגט אים

איז זיין לעבן פר בייא".

איבז אנ, ס' חסידים, דף קנ"ה.

1927 " |...| ווי א צעכראשטשעטער אלטע בעסטיע ליגט זי,

1762 הורעט זי און געבערט, פלאדזשעט אן א טאלק".

ברכיה, 1, 61.

הורין. ם

1679 " נוך דרייא מאנדן ווארייד יהודה אן גיזאגט, דיין

1761 שנור תמר האט גיהוארט |...| זי איז פון הורירייא טראגין גיוואָרדין".

בליץ, בראשית, לח - כד.

ה ו ר ע ר - דער, =ס/מצ דז. נואף, אויסגעלאַסענער יונג.

ה ו ר ע ר י י - דאס, בא. זנות, דאס טרייבן ניאוף,

דאס פירן אן אויסגעלאסן לעבן.

1919 " זיבן דורות און נאך לענגער האט יך קוים געזאמלט

1769 |...| פארברעכן און הורערייי".

פינסקי, 2, 220.

הורריא.ם

1602 " אונ' אויף אלן הויהן אונ' אונטר אלין גרינן בוימן

1770 הושטו דיין בעט אויף גישפרייט אונ' הורריא גוך

גנגן |...|".

ס' ירמיה, 2ב 8 ב.

1722 "עש איז פר דינג גווארן אן איין אורט וואו הורריא

1768 גטריבן ווערט".

מנורת המאור, דף ס"ה.

ה ו ר ק ע ן - אוטור. בגומען, וואַרטשען.

1895 " |...| אפילן מיין אויפשטעלן דעם פאדעלעק אין

מיטן שמונה=עשרה נאכן רענדארס זילבערגעלט און מינץ, 1944

מיט מיין הורקען |טעקסט: הירקען| דערביי: נו, נו!"".

לינעצקי, 9, 205.

ה ו ש ! – אינט

1. אויסרוף צו מאכן שטיל |סטוטש 278, 375|.

% הוש! שטיל זאל זיין!

2. אויך"א הוש". אויסרוף אפצוטרייבן אן עוף, ספעציעל

וועגן געגדז.

% הוש, גענדעלעך, א הוש! אין הויף אריין!

1934 " |...| האט ער צו יענעמס קאפעליוש// מיט די פעדערן

1952 געמאכט "א הוש".

מ.ל. האלפערן, 5, 168.

ה ו ש ט א ו ק ע - די, =ס. (רעג. פוילן) הוידע, הוידעלקע.

1912 " איך מיטן גארטן - א ברונען און א הושטאווקע

1960 אויף שטריק צווישן דיביימער".

ווייסענבערג, 4, 134.

1937 " |...| אויסגעטרונקען עטלעכע גליעזלעך נייציקער

1957 האט פארביסן מיט א הארטן איי. די גאסן האבן זיך

געוויגט פאר די אויגן, ווי הושטאווקעס".

פערלע, 2, 272.

1974 " |...| ס׳זענען דארט |אין הויף| געלעגן קלעצער

1954 און ברעטער. די קינדער האבן געמאכט א הושטאווקע

און זיך געהוידעט".

באשעוויס, פער 155, II/15.

הושטשע - די, =ס.

1. געדיכטעניש (אין א וואלד, קוסטעס).

% די קינדער האבן פארבלאנדזשעט אין דער הושטשע פון וואלד.

2. געדיכטע מאסע, מחנה פון מענטשן, געדיכטער המון.

1907 " סאפראנאוויטשעס ערשטער געדאנק איז געווען:

1966 'טאמער'... ווי אזוי דערשלאגט מען זיך צו איר און

מע שלעפט זי ארויס פון דער טאמע הושטשע?".

שלום=עליכם, 18, 88.

3. דער אפזאץ דאס געדיכטע פון א פליסיקייט וואס זעצט זיך

אפ אויפן דנא.

1888 " איך מיט מיין קליין שוועסטערל זענען געזעסן אין

1973 דרויסן, |...| געריבן די מעשענע לייכטער מיט הושטשע

פון קלייענבארשטש און מיט אש".

בן=עמי, פער 75, נ' 1, ז' 195.

ה ו ש ט ש ע ן - |טרוו?| בנב.

1961 " עס פייפט די שטריק. דיביימער קרעכצן. צוויי

1974 ארבעטער פון באלוט הושטשען ווילדן ווייסיק איבער

וואסערפלאך".

י. ראבאן, פער 38, נ' 42, ז' 132.

........................................................

רעד: אפשר אין א ברייטערן קאנטעקסט קאן קלארער

ווערן דער באטייט. ראבאן איז א פוילישער - אין

פוילישן ווב ביט געפונען אזא ווארט. זאל עס זיין

פון " " = וויגן - אבער ווי קומט עס אין

דעם זאץ?

........................................................

ה ו ש ע |הוישייא| -

1. נאמען פון א ביבלישן נביא.

2. פון ספר אין תנ"ך אויף דעם נאמען פון דעם נביא.

ה ו ש ע נ א -

1. (ארויסריידן: הוישײַנא/הוישאַנא). אויסרוף טייטש: אַ, העלף (גאָט)!

1901 " מיר האבן שוין מער נישט געזונגען קיין 'אל תירא עבדי יעקב', |...| מיר האבן שוין געזונגען אן אנדער לידל: - גוואלד, רבונו=של =עולם! הושענא!". 1993

שלום=עליכם, 20, 118.

2. די, מצ: הושענות |הוישיינעס|. נאמען פאר די תפילות וואס מע זאגט אין הושענא=רבה, לויט די ערשטע און לעצטע ווערטער פון די תפילות.

% זאגן הושענות.

3. (באָט) מין ווערבע, אויך הושענא=בוים ( ----> ).

1875 " אויף א דארטיקער הושענא // הענגט ער אויף די

1983 פידל זיינע".

מענדעלע, 10, 79.

1894 " |...| אפשר אויף מקווה=וואסער וועט זיין א זול.

1984 אדער אויף ריטלעך פון הושענות |...|".

פימסענשטיין, 1, 23.

4. די, =ות/=ס. |הושיינע =ס|. א בינטל צווייגלעך פון דעם הושענא=בוים, מע שלאגט זיי אן אין דער ערד אדער אין באנק אין בית=מדרש ביים זאגן די תפילה "הושענא".

% שלאגן הושענות.

1825 " |...| אין הושענא מאכט ער פון 17 ריטלעך (ב

2010 (כסימן טוב)".

1881 "אויסטיילן לולב אין שול צו די הושענות איז

א מיצווה, האלטן דעם אתרוג - נאך מער מיצווה |...|". 1979

דלוגאטש, 2, 27.

1919 " |...| נעם אן אלטע הושענא און פארטיידיק זי,

דיין היילקטום, דיין נשמה". 1995

פינסקי, 3, 139.

1957 " א טאג פאר הושענא=רבה פלעגט |...| דער שמש

ברענגען צו אונדז אין הויז הושענאס פאר דער גאנצער 1989

משפחה, וועלכע האבן פארשפרייט א פרישן ריח".

א. רייוועס, יזב 11, 248.

/7 אפגעשלאגענע הושענא - ( וואר: אפגעקלאפטע, אפגעשמיסענע)

1. א הושענא וואס די בלעטלעך פון די צווייגלעך זיינען שוין

אפגעקלאפט נאך דעם שלאגן הושענות, און מע טאר זיי

שוין ניט ניצן, צו די תפילות.

1908 " דאס איז אן <u>אפגעשלאגענע הושענא</u>, וועלכע איז איבער-

1996 געגארטלט מיט א באנד פון א שיינעם, גלאטן שטיקעלע לולב".

<u>י. גארדין, 3.</u>

2. (<u>פיג</u>) וועגן עמעצן/עפעס וואס איז אראפ פון מעמד, שפילט שוין ניט קיין שום ראל, האט פארלוירן זיין ווערט, חשיבות.

1880 " ער פארשטייט שוין אליין, דאס ער איז שוין אן

1998 <u>אפגעשמיסענע הושענא</u>, |...| ער זעט אויס עפעס ווי אן רעזאלעוועטער אפיצירל".

|פארגרייזט פון רוסישן "ראזשאלעוועטער=צוגענומען דעם ראנג|.

<u>דיק, 92.</u>

1887 פון די אונזערע צייט

1964 " |...| וועט ער זיין אן '<u>אפגעשלאגענע הושענא</u>'

1991 און ארונטער פון דער נאציאנאלער פאליטישער ארענע".

<u>ס. גרין, פער 155, VII/27.</u>

1887 " איך האב אנגעהויבן האלטן פון א יידן ווי פון

א פסולער הושענא". 1987

זאביעזשענסקי, 1, 55.

שלאגן הושענות (וואר(זן): שמייסן, קלאפן) - דאס אנקלאפן

דאס בינטל צווייגלעך אן דער ערד אדער אן דער באנק אין שול.

1858 " דיא תחנה זאגט מען אן (הושענא רבה) נאך די

(הושענות) אפשלאגן". 1986

אנ, תחנות ובקשות, דף מ"ג.

1910 " מיר זינגט די זון מכלכל=חיים,// הושענות שלאגט

דער ווינט ביים טייך". 1980

פרוג, 1, 40.

1951 " |...| אז אורי |...| קומט אהיים פון בית=מדרש

|...| מיט א זיסן וויטיק אין דער רעכטער פלייצע פון 2006

שמייסן הושענות, נעמען זיך די ווייבער צו אים און

ער קריגט צווייטע פארציע".

שניאור, 7, 193.

שרון:אן ארעמאן איז א פסולע הושענא.

ה ו ש ע נ א = ב ו י ם - דער, ~, ביימער, (באם)

פּקפּ ביימל פון דער ווערבע=משפּחה (ווסנ );ווערבע.

... " |...| א דארפסבריקל איבער א טייכל, באוואקסן

פון ביידע זייטן מיט הושענא=ביימעלעך". 2040

מענדעלע, 24א, 90.

1922 " הושענא=ביימער וואקסן ביי אונדז דאס רוב ביי

וואסערן און זייערע צווייגן הענגען אראפּ ביז צום 2015

וואסער".

איב. א. גאלאמב, 1, 53.

1937 " הינטער די הושענא=ביימער ליגט זיין אנטועכץ".

פּערלע, 2, 377. 2016

1959 " הינטערן שטעטעלע |...| פליסט א טייכעלע פאזע דעם

טייכל וואקסן הושענא=ביימער". 2012

י. י. טרונק, פּער 68, 4/IV.

ה ו ש ע נ א =ביימערדיק – <u>אדי</u>. וואס געהערן צו דער

משפחה הושענא=ביימער.

(<u>ווסנ</u> ); ווערבעדיקע.

ה ו ש ע נ א = ב ל אַ ט - דער/דאס, ~ בלעטער.

א בלאט פון הושענס=בוים.

1934 " |...| עמעצער שארט זיך צווישן די הושענא=בלעטער".

אש, 13.

2018

ה ו ש ע נ א = ק א ר ע - די, =ס. קארע פון הושענא=בוים.

1928 " |...| דעמאלט לייגט מען זיי ארייך |די גערייניקטע

פעלן| אין קעסלען מיט וואסער, אין וועלכע ס'איז ארייגגעשאט|

דעמבענע אדער הושענא=קארע אין פראשעק צעריבן".

איזרא, 2, 27.

ה-

386

ה ו ש ע נ א = ר ב ה |הושיינע=ראבע/(פטמ) שאנע=ראבע| -

דער זיבעטער טאג פון די סוכות=יום=טובים.

1817 " אין א יך יאר ארום (הושענא רבה) אוף דר נאכט זענען אנדרי צוויי געגאנגין אוף דעם בית החיים האבן זיי געזעהן וויא אלה נשמות זאמלין זיך צו הויף". 2023

איבז אנ, ס' חסידים, סימן קנ"ה.

1910 " הושענא=רבה, שמיני =עצרת, שימחת=תורה זיינען זיך אוועקגעגאנגען איינער נאך דעם אנדערן". 2004

פרוג, 3, ליד "דער שופר".

1924 " א קילער טאג. הושענא=רבה. // עס שטארבט דער טאג אין גאלדענער רו". 2027

ניידוס, 3, 67.

1968 " הושענא=רבה איז מען אויפגעווען א גאנצע נאכט אין בית=מדרש, |...| מתפלל געווען אויף א גוט קוויטל צום נייעם יאר". 2025

ש. רוזמאן, יזב 20, דף קפ"ה.

ד (ס'איז שוין) **הושענא=רבה נאכן קוויטל** - (ס'איז שוין)
נאך אלעמען, מע קאן שוין גארניט פועלן(לויט דער
גלייבונג ווערט אונטערגעשריבן א קוויטל(דער גזר=דין)
אויף יעדן יידן, וואס מיט אים וועט געשען אין דעם
גאנצן קומענדיקן יאר. ביז דעמלט קאן מען נאך בעטן,
תשובה טאן).

**הושענא=רבא וועגט ער גוט** - (איר) וועגן אן אומערלעכן סוחר,
וואס וויל אויך א גוט קוויטל.

**הושענא=רבה פירט מען די פארכעס אין באד אריין** -
שור: |סטוטש 619|.

גלייבענישן: הושענא רבה=שפאלט זיך דער הימל, און יעדער וואס
דריקט אויס אין דער רגע א ווינטש, ווערט ער מקוים.
הושענא=רבה, ווען מען זעט דעם שאטן אן א קאפ, איז א סימן,
אז מען וועט דאס יאר שטארבן.

1721 ם " אב הושענא רבה דא נאם דער דאזיג דער דא האט

2033/1 צדקה געבן דיא אתרוגים |...|".

מחזור, 4, דף קע"ב.

389 ה–

ה ו ש ע נ א = ר ב ה = ק ר ע פ ל ע ך - די, מצ.

קרעפלעך וואס מע עסט הושענא=רבה (לויטן מינהג, אז

ווען "מע שלאגט" עסט מען קרעפלעך").

1888 " די הדסים=ביימער סודען זיך שטילערהייט און

2037/1 שמועסן מיט די לולבים וועגן אתרוג=בענטשן און |...|

הושענא=רבה=קרעפלעך".

פער 74, נ' 25, ז' 725.

ה ו ש ע נ א = ר ב ה ד י ק |הוישאנע=ראבעדיק| - אדי.

פון הושענא=רבה, שייכדיק צו הושענא=רבה.

% הושענא=רבהדיקער צימעס.

הושענא=שטענגל - דאס, =ער. שטענגל פון א הושענא=בוים.

1926 " |...| מאלט ארייך צו זיך אין העפט דעם קווערשניט

2042 פון הושענא=שטענגל, ווי איר זעט עס".

יאכינסאן, 2, 72.

ה ו ש ק ע - <u>די, =ס.</u> (<u>לאקל, צויזמער</u>)

2046 "הוידע, הוידלקע" |<u>קטוו</u>|.

<u>רעד</u>: איך פוילישן ווב ניטא.

ה ו ש ק ע ל ק ע - די, =ס. (רעג וור) "הוידע,
הוידעלקע"|קטור|.

% ער הושקעט זיך אויף דער הושקעלקע.

ה ו ש ק ע ן  – טרוו. הוידען, וויגן, שאקלען.

1961 "בענטשיקל מיט דער בריטער ׳אבראניע׳ |=אנצוג|

האט זיך גאכגעשארט פון הינטן און געהושקעט מיט די 2048

הענט ווי טאצן פון א וואגשאל".

ר. פאלאטניק, פער 9, ר"ה־נומער, ז׳ 75.

רעד: פאלאטניק איז א פוילישע (קראשניק), איך

פוילישן וואב ניט געפונען דאס ווארט, זוכן

איך דיאלעקטן.

ה ו ש ק ע ן ז י ך - רעפל. "הוידען זיך" |קטוו, צויזמער|.

רעד: זען באמערקונג צו הושקען!

(?נ?) ה ו ת נ ה |הוטנאָ| - אדוו. (לל) אויסגעגנומען א תנאי, מיטן באדינג.

1865 " |...| און בפירוש הותנה, אז אין דער באשטימטער
2043 צייט זאל ער די 200 שווארצע |?| צו דעם ברעג |...|ברענגען".

ש. רעססער, פער 177, נ' 18.ז' 276.

(?נ?) ה ו ת ר ה  ה ר צ ו ע ה |הוטרא הארצוא| - פֿר. (לל)

טייטש: די בייטש איז צעריסן, געמיינט: ס'איז שוין ניטא קיין שטראף, אלץ איז הפקר.

1890 " מיר האבן געקענט אין די פערציקער יארן א סוחר, וואס האט שוין דאמאלס |...| געטאן אלעס, וואס מען טוט איצט, אז עס איז שוין, בעו"ה, געווארן גאר הותרה הרצועה". 2053

פּער 74, נ' 5, ז' 4.